STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01880

A FOLK ZUKHT ZAYN SHUTFES-BAGRINDUNG

S. J. Kreutner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. י. קרויטנער

א פאלק זוכט זיין שותפות־באגרינדונג

אינהאַלט־תמצית פון דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ,
פאָרגעקומען אין מנחם־אב תשי״ז אין ירושלים.

ירושלים תשכ״א

ארויסגעגעבן דורך „חזות"
אידעאָלאָגישע זאַמלונגען פאַר פּראָבלעמען
פון ציוניזם, פאָלק און מדינה

איבערזעצט פון העברעאיש
און רעדאַגירט: מ. הורוויץ

געדרוקט אין דפוס „אחוה", ירושלים

* *
*

די אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ, וואָס איר תמצית׳דיקן אינ־האַלט גיבן מיר דאָ, איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און איז פאָרגעקומען אין די טעג י״א—י״ח מנחם־אב תשי״ז אין ירושלים.

עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט דענקער און פּערזענ־לעכקייטן פון אַלע גייסטיקע און פּאָליטישע שטרעמונגען אינעם יידישן פאָלק, אַזעלכע וואָס געהערן צו דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, און אַזעלכע וואָס שטייען אויסער אירע רייען, אָבער זיי זאָרגן, גענוי ווי ציוניסטן, פאַרן גורל פונם פאָלק און זיין וווילזיין אין דער היינטיקער שטורמישער עפּאָכע, און זעען אין מדינת ישראל דעם אינסטרומענט צו זיכערן די נאַציאָנאַלע צוקונפט.

8 טעג נאָכאַנאַנד האָבן געדויערט די באַהאַנדלונגען און די שטאַרק לעבהאַפטיקע דיסקוסיעס אַרום די רעפעראַטן.

די דאָזיקע ערשטע קאָנפערענץ, וואָס איז אייגנאַרטיק און ניי לויט איר אינהאַלט און לויט איר פּערזענלעכן צוזאַ־מענשטעל, האָט געהאַלטן פאַר איר אויפגאַבע נישט אָנ־צונעמען רעזאָלוציעס דורך אָפּשטימונג, נאָר קלאָר צו מאַכן די באַגריפן, חבריש אויפצוקלערן די מיינונגען, וואָס טיילן פאַנאַנדער, און צוזאַמען צו אַנאַליזירן די היסטאָ־רישע פליכטן פון אונדזער דערפאַרונגס־רייכן און פאַר־דינסטפולן דור, אויף וועלכן עס פאַלט אַזאַ שווערע אחריות. די קומענדיקע קאָנפערענצן וועלן געוויס פאַר־טיפן און אויסברייטערן דאָס דאָזיקע פעלד.

אַלע רעפעראַטן און דעבאַטן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ זאַמלונג אין העברעאיש („חזות") און אין ענגליש („פאָרום"). מיר האַלטן פאַר וויכטיק און באַרעכטיקט צו באַקענען אויך דעם יידיש־לייענער מיטן אינהאַלט פון דער קאָנפערענץ, לפחות אין אַ שטאַרק געקירצטער פאָרם.

כאָטש עס זיינען שוין אַריבער מער ווי דריי יאָר זינט דער קאָנפערענץ, האָט איר אינהאַלט גאָרנישט נישט פאַר־לוירן פון זיין אַקטועלקייט, גלייך ווי די אַלע מיינונגען וואָלטן אַרויסגעזאָגט געוואָרן ערשט נעכטן. דער המשך פון די דעבאַטן אין דער גאָרער יידישער וועלט אין די לעצטע דריי יאָר האָט זיך געדרייט אַרום די זעלבע הויפּט־טעמעס און עיקרדיקע געדאַנקען, וועלכע ווערן איבערגעגעבן אין אָט דעם קליינעם ביכל.

דאָס גיט אונדז דעם גרונט צו גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע ביכל אין יידיש וועט דערפילן אַן אַקטועלע באַדערפעניש, וועט אויך עפּעס ביישטײַערן צו די אידייאישע זוכענישן און וועט העלפן באַלייכטן די וועגן, וואָס וועלן ענדלעך פירן צום ריכטיקן נאַציאָנאַלן ענטפער.

אריינפיר

אין דער צייט ווען אַ טייל פונם יידישן פאָלק, אין דער באַנייטער מדינת ישראל, באַקומט צוריק די איבערלעבונג און דאָס געפיל פון אַן אומפאַסנדיקער טעריטאָריעלער באַזע, ווערן דערשיטערט אַנדערע פּאַרטיקולאַרע באַזעס, וועלכע האָבן פריער אויפגעהאַלטן די עקזיסטענץ פונם פאָלק אין זיין צעוואָרפנקייט. כ׳מיין דאָ אַזעלכע באַזעס, ווי למשל: יידישע רעליגיע, צובונד צום יידנטום ווי אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אָדער באַוווסטזיניקער געוועב און די קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און בירגערלעכע אָפּגע־זונדערטקייט פון די יידן צווישן די פעלקער.

די רעליגיע האָט שוין פון לאַנג פאַרלוירן איר אַנטשיידנ־דיקע פּאָזיציע אינם קיום פון יידישן פאָלק. דערצו פעלט די טעריטאָריעלע באַזע, די געמיינזאַמע שפּראַך און קול־טור. טראָץ די סימנים פון רעליגיעזער אויפלעבונג אינם אַמעריקאַנער יידישן ישוב, וואָס איז דער גרעסטער צווישן די יידישע קאָנצענטראַציעס אין דער וועלט, איז שווער אָנצונעמען אַז די רעליגיע וועט צוריקקערן צו איר פרי־ערדיקער פּאָזיציע.

די אויפפאַסונג פון „יידנטום" און „יידישקייט" ביי די פאַרשיידענע טיילן פונם פאָלק און ביי איינצלנע יידן איז היינט נישט נאָר ווייט פון איינהייטלעכקייט, נאָר אויפן גרונט פון די שאַרפע אונטערשיידן מעג מען באַהויפּטן, אַז עס עקזיסטירן „טויזנטערליי" אויפפאַסונגען און אין רעזולטאַט דערפון קען נישט אַזאַ יידישקייט זיין קיין גע־מיינזאַמע באַזע פאַר אַלע יידן היינט צו טאָג.

עס זיינען אויך אַוועק די צייטן ווען די יידן זיינען געווען אַן אַנערקענטע אָדער נישט־אַנערקענטע מינאָריטעט,

צווישן די פעלקער, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט, אָבער אין יעדן פאַל אַ מינאָריטעט מיט קלאָרע און בולטע קענ־צייכנס; אַ מינדערהייט מיט אַן אייגענער שפּראַך, קולטור און בירגערלעכער רעפּרעזענטאַנץ. אין דער היגזיכט האָט די גרינדונג פון אַ זעלבשטענדיקער און סוווערענער יידישער מדינה ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פונם גלות פון איין עקסטרעם צום צווייטן. אומעטום ווו עס איז נאָך פאַרבליבן אַ יידישער ישוב, וואָס האָט געפירט אָדער פירט נאָך היינט אַ לעבן פון אַ דעפינירטער נאַציאָנאַלער מינ־דערהייט — וועט דער דאָזיקער ישוב ענדלעך עולה זיין און זיך אָנשליסן צו יענעם טייל פונם פאָלק, וואָס פירט אַ פולקאָם נאַציאָנאַל לעבן אין זיין אייגענער מדינה. דאָס איז געווען דער זין פון דער עליה פון די רעשטלעך פוי־לישן יידנטום און פון די באַלקאַן־לענדער נאָך דער קאַ־טאַסטראָפע און אַזאַ איז געווען די אַלגעמיינע עליה פון די איראַקישע און תימנישע יידן. אין דעם שיין דאַרפן מיר זען די עליה פון צפון־אַפריקע, וואָס וועט, צוזאַמען מיט דער דערוואַרטעטער עליה פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ברענ־גען קיין ישראל די לעצטע יידן אין דער וועלט, וואָס האָבן געפירט אין די גלות־לענדער אַ לעבן פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. די זעקס מיליאָן יידן אין די פאַרייניקטע־שטאַטן, דער מיליאָן יידן אין ענגלאַנד און אין די איבע־ריקע לענדער פון ענגלישן קאָמענוועלט, דאָס זעלבע — הגם נישט אין אַ גלייכער מאָס — דער מיליאָן יידן אין דרום־אַמעריקע און אין מערב־איראָפּע, זיינען טאַקע רע־ליגיעזע אָדער עטנישע מינאָריטעטן אין זייערע וווינ־לענדער, אָבער אין קיין שום לאַנד זיינען זיי נישט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט. מיטן אויסנאַם פון נישט לאַנג אַריינגעקומענע אימיגראַנטן — און זיי זיינען קנאַפּ אין דעם רוב ערטער — איז די שפּראַך פון דער מדינה אויך די שפּראַך פון די יידן, און די קולטור פונם וווין־לאַנד איז זייער הויפּט־קולטור, צו וועלכער זיי גיבן צו אין אַ

מיניאַטור אַביסל יידישע קולטור אין אַ רעליגיעזן צוזאַמענ־האַנג. יידן אין די דאַזיקע לענדער, וואָס זיינען טעטיק פּאָליטיש, טוען עס אין נאָמען פון דער אַלגעמיינער גע־זעלשאַפט. די יעניקע, וואָס אַמטירן ווי מיניסטאָרן און פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, רעפּרעזענטירן נישט דעם יידישן ישוב, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די יידישע מיניס־טאָרן אין די מזרח־אייראָפּעאישע רעגירונגען נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אָדער ווי די יידישע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים און אין די אַנדערע פּאַרלאַמענטן אין מזרח־אייראָפּע פאַר דעם אומקום. זיי ווערן געוויילט דורך דער אַלגע־מיינער געזעלשאַפט און באַדינען איר. צו דער העכסטער אינטעגראַציע אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז דערגאַנגען דאָס גרויסע אַמעריקאַנער יידנטום, און אפילו יענער טייל, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיטן ציוניסטישן געדאַנק, באַטראַכט זיך ווי אַ טייל פונם אַמעריקאַנער פאָלק און בלויז די רעליגיע טיילט זיי אָפּ פון די נישט־יידישע בירגער.

אין אַזאַ צושטאַנד איז אַביסל שטוינבאַר דער פאַקט, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהייט פון יידן היינט־צו־טאָג קוקן וייטער אויף זיך ווי אויף יידן און עס קימערט זיי נישט צופיל די פראַגע: וואָס איז אַזוינס אַ ייד? זיי האָבן אי־בערגעלעבט צוויי אייגנאַרטיקע היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן געשטאַרקט דאָס געפיל פון זייער צוגעהע־ריקייט צום פאָלק: דער יידישער אומקום און די אויפ־שטעלונג פון דער יידישער מדינה. עס איז אָבער שוין איצט קלאָר, אַז דער קומענדיקער דור וועט נישט שטיין אונטער די איינפלוסן, אונטער וועלכע עס איז געשטאַנען דער היינטיקער דור. פאַר אים וועט אַוועקגעשטעלט ווערן מיט מער שאַרפקייט די גורל׳דיקע פראַגע: וואָס איז אַ ייד? צוזאַמען מיט דער דערוועקונג פון אָט דער פראַגע, וועט פאַרשאַרפט ווערן די פראַגע פון באַציונגען צווישן די יידן אין מדינת ישראל, ווענעס יידישקייט איז אַ

פאַרשיידן קאָמענטירטער צוגאַב צו דער איבערלעבעניש, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פאַר אַלע געמיינזאַמער לאַנד־באַזע — און די יידן פון די גלות־לענדער, וועלכע וועלן אָן אַ באַשטימטן אָבער ראַציאָנעלן און געמיינזאַמען קשר צום יידנטום, נישט קנען באַטראַכט ווערן ווי די פאַרזע־צער פון דער דורות־קייט פונם יידישן פאָלק.

די האַרבקייט פונם פּראָבלעם איז נישט נאָר פאַר אונ־דזער דור, וועלכער האָט צוגעזען די ווירקלעכקייט, וואָס האָט דעם פּראָבלעם געבוירן. דער פאַרשטאָרבענער יעקב קלאַצקין האָט נאָך יאָרן לאַנג פאַרן אויפקום פון דער מדינה אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז די גרינדונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל וועט פירן צו דער שפּאַלטונג פונם פאָלק אויף צווייען. זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען ווערט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם באַ־האַנדלט אונטערן צייכן פון דער דאָזיקער פאָרויסזעאונג. בלויז אַ קליינע מינדערהייט פון יידישע דענקער, פאָרשער און שרייבער, וואָס האָבן געלייגט אַכט אויף דעם ענין האָבן געשטיצט קלאַצקינס מיינונג; די גרויסע מערהייט האָט זי אָפּגעוואָרפן. זי האָט אַנטדעקט אין דער פראַגע נייע אַספּעקטן, וועלכע זיינען קלאַצקינען ניט געווען באַ־קאַנט און האָבן פאָרגעלייגט כלערליי לייזונגען. היות ווי יעדער איינער פון די דענקער האָט באַהאַנדלט די פראַגע פאַר זיך, אין זיין אייגן ווינקל, איז יעדער איינער דער־גאַנגען צו אַן אייגענער לייזונג. אפילו ווען זייערע אויס־גאַנגס־פּונקטן און אַלגעמיינע אַנשויונגען זיינען געווען אידענטיש, זיינען זיי נישט דערגאַנגען צו די זעלבע ליי־זונגען. און מער ווי די באַזונדערע און סעפּאַראַטע באַט־ראַכטונגען האָבן געוויזן אַ וועג פאַר די צעטומלטע, האָבן זיי אַרויפגעבראַכט אַ גרויסע צעטומלטקייט.

אויף אַט דער קאַנווע איז פאַרשטענדלעך די אַלוועלטלעכע אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ, וואָס איז זיך צענויפגעקומען

אין יאָר תשי״ז אין ירושלים (1957). עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט אַרום 80 „חכמי ישראל״, יידישע געלערנטע פון ישראל און פון די מערבדיקע גלות־לענדער, וועלכע זיינען געקומען באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פונם יידישן פאָלק אין דער נייערווירקלעכקייט. דאָס אויסקלייבן ירו־שלים פאַר דעם דאָזיקן וועלט־צוזאַמענפאָר איז געוויס ניט געווען צופעליק און איז ניט געווען פאַרבונדן מיט דער האָפענונג, אַז „מציון תצא תורה״. פאַר די וועלכע האָבן גערופן דעם צוזאַמענפאָר: די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און זלמן שזר [1]) דער לעבעדיקער גייסט אויפן צוזאַמענפאָר, איז געשטאַנען דער פאַקט, וועלכער איז אין פאַרלויף פון די זיצונגען באַרירט געוואָרן דורך דוד בן־גוריון, אַז אין דער צייט ווען דאָס היינטיקע יידישע פאָלק איז צעריסן און צעשפּליטערט לגבי אַלץ, וואָס שייך ווערטן פון יידישקייט און ער פאַרמאָגט נישט, נישט קיין איין געמיינזאַמע שפּראַך, נישט קיין באַזונדערן שטייגער, נישט קיין אַלגעמיינעם קשר צו דער הלכה און טראַדיציע, נישט קיין געמיינזאַמע אויפפאַסונג וועגן מהות פונם יידנטום און זיין צוקונפט — פאַרמאָגט ער איצט אַ קאָלאָסאַל בשותפותדיקן פאַרמעגן, און אפשר איז עס דאָס איינציקע פאַרמעגן — מדינת ישראל. „מעז יצא מתוק״. די עקזיסטירנדיקע מדינה, דער ברענפּונקט פונם פּראָבלעם, לויט קלאַצקינס קוק, און איינע פון די אורזאַכן אויך לויט זיינע קעגנער, ווייזט אָן די ליזונג. איז דעריבער געוויס ניטאָ קיין בעסערע אכסניה ווו עס קענען באַהאַנדלט ווערן די פּראָבלעמען פונם היינטיקן יידישן פאָלק.

צי איז דער קאָנפערענץ געלונגען אָנצוצייכענען אַ וועג, וואָס זאָל אַרויספירן פון דער צעטומלונג? אויף דער

1) פאַרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אגענץ.

שלוס־זיצונג האָט נתן ראָטנשטרייך [2] אויך פון אירע געשטאַלטיקער, געזאָגט וועגן איר ווי פאָלגנדיק:

„די קאָנפערענץ איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג, ווער עס האָט געלייגט אויף איר גרעסערע האָפנונגען און געזוכט אין איר אַ ציל־באַוווסטן און קלאָר־פאָרמולירטן וועג־ווייזער, דער האָט געוויס זיך אַנטוישט".

טראָצדעם איז גאָר ניט אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פונם צוזאַמענפאַר פאַר דער געמיינזאַמער אויפקלערונג פון די פּראָבלעמען. עס פאַרדינען זיך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאָלגנדיקע ווערטער פון שזר'ן ביים אונטערציען דעם סך־הכל:

„צו מיין טיפער איבערראַשונג, האָב איך זיך איבערצייגט אַז טראָצדעם וואָס די אַלע דאָ פאַרזאַמלטע האָבן אַ סטאַזש פון צענטליקער יאָרן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט... איז עס אַ פאַקט, אַז פּערזענלעך האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן".

דאָס הייסט צום ערשטן מאָל זינט עס עקזיסטירט דאָס באַהאַנדלטע פּראָבלעם, זינט די באַהאַנדלונגען גייען אָן און זינט מיר פאָרשן זייערע מיינונגען אין דער פראַגע. נישט אין דער איינזאַמקייט פונם אַרבעטס־קאַבינעט אָדער לערער־קאַטעדרע, וואָס שטייט העכער איבער די שול־בענק, נאָר „מסוד חכמים ונבונים", אין אַ צוזאַמענקונפט פון געלערנטע אויסהערנדיק קעגנגעזעצטע מיינונגען און אין גאַנג פון אַ טיפער און שאַרפער דיסקוסיע. הגם אויך דער דאָזיקער צוזאַמענפאַר און די קאָלעקטיווע באַהאַנדלונג האָבן אַנטדעקט און דייטלעך געמאַכט בלויז די גרויסע צעטומלטקייט, וואָס הערשט אין אונדזער נייער ווירקלעכקייט, מעג מען דאָך זאָגן, אַז די צעטומלטקייט פאַר דעם צוזאַמענפאַר איז נישט דיזעלבע ווי נאָך אים. אויף

1) פּראָפעסאָר פאַר פילאָזאָפיע אין העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, געשריבן אַ סך ביכער.

דער קאָנפערענץ איז די צעטומלטקייט אויסגעלייטערט געוואָרן דורך דעם אויספרווו פון מיינונגען און זי איז פון איר אַרויס אַ קלאָרע און אויסגעלייטערטע אַזוי, אַז עס איז דאָ אַן אויסזיכט אויף צוזאַמענבינדונג און פּאַרייני־קונג.

וואָס אַן אמת, איז די ווירקונג פונם צוזאַמענפּאַר אויף דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין געווען אַ קנאַפּע. די אויפמערק־זאַמקייט האָט צוגעצויגן דער שאַרפער דיספּוט צווישן דעם פּרעמיער פון דער ישראל־רעגירונג, דוד בן־גוריון, און דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד״ר נחום גאָלדמאַן. די אַלגעמיינע פּרעסע האָט געוויס געלייגט אַכט דערהויפּט אויף די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען און האָט איבערגעגעבן גאָר ווייניק פון דעם, וואָס עס האָבן געזאָגט אויפן צוזאַמענפּאַר די יידישע היסטאָריקער פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אָדער די שרייבערס אין ישראל און אין די גלות־לענדער.

עס קומט דעריבער אַ יישר כוח דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן דעם בוך פונם צוזאַמענפּאַר, צוערשט אין יאָר תשי״ח (1958) אין העברעאיש [1]) און שפּעטער אין תשי״ט (1959) אין ענגליש [2]). אין דעם בוך וועט דער לייענער געפינען יענעם שפּיגל, וועגן וועלכן נתן ראָטנ־שטרייך האָט גערעדט בעתן שליסן דעם צוזאַמענפּאַר. עס איז צו האָפן, אַז אַ סך וועלן אַריינקוקן אין דעם שפּיגל, כדי די ווערטער פונם צוזאַמענפּאַר זאָלן אַריין, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט זלמן שזר „אין דער בלוט־צירקו־לאַציע פון דער באַוועגונגס־מחשבה... און עס וועט קו־מען אַ טאָג... און די רייד וועלן צייטיקן פּרוכטן״.

---

1) „חזות״, פּערטער זאַמלבוך, רעדאַגירט פון נתן ראָטנשטרייך און זלמן שזר.

2) Forum.

אין דער ווייטערדיקער אָפּהאַנדלונג באַמיט זיך דער מחבר אַרויסצונעמען פון די דעבאַטן אויפן צוזאַמענפאָר טרעפּ־לעכע פאָרמולירונגען לגבי עטלעכע פון די באַהאַנדלטע טעמעס, אָדער פון די ענינים, וואָס זיינען באַרירט געוואָרן דורך די באַטייליקטע אין זייערע רעפעראַטן. די דאָזיקע דעפיניציעס קענען וואַרפן אַ סך ליכט אויף די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און אָנווייזן אויף פאַרשיידענע צוגאַנגען צו זיי און צו זייערע לייזונגען. די קאָנפראָנטאַציע פון די פאַרשיידענע פאָרמולירונגען און דאָס אַוועקשטעלן איינע נעבן דער אַנדערער וועט קלאָרמאַכן די גרויסע פאַרשיידנ־אַרטיקייט אינם קוק אויף די פּראָבלעמען ביי די פאַר־שיידענע פאָרשער. דאָס וועט זיין אַ טרייער שפּיגל, נישט נאָר פאַר דער גרויסער צאָל פון מיינונגען, נאָר אויך פאַר דער פיל פּנים׳דיקייט פון דער צעטומלעניש. אָבער, ווי געזאָגט, פון דעם צוזאַמענפאָר איז די צעטומ־לעניש אַרויס אָן אויסגעלייטערטע און דער וואָס וועט זיך באַקענענען מיטן אינהאַלט, וועט האָבן פאַר זיך אַ גוט געאָרדנטן און געגרייטן טיש.

די ערשטע אידעאָלאָגישע וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט געדויערט 8 טעג נאָכאַנאַנד, האָט באַהאַנדלט פיר פאָלגנ־דיקע טעמעס, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די אָרגאַניזאַטאָרן:

דאָס פאָלק אין געראַנגל מיט אידעאָלאָגיעס אין דער וועלט אויף די געביטן פון רעליגיע, עקאָנאָמיק און פּאָ־ליטיק.

מדינת ישראל און איר אויפגאַבע אין יידישן לעבן אין דער וועלט.

די באַמיונגען פון די צענטערס אין גלות צו זיכערן זייער אייגנאַרט און זייער אינטעגראַציע אינם פאָלק און אין זיין אויפלעבונגס־באַוועגונג.

דער יידישער מענטש און זיינע פליכטן כלפי זיין טראַ־דיציע, זיין קהילה און אויפלעבונג פון זיין פאָלק.

די קאָנפערענץ האָט אויך געווידמעט אַ באַזונדערע אויפ־קלערונג די פראַגן פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אין אונדזער דור.

אויב מ׳וועט אַנאַליזירן די רעפעראַטן פון די באַטייליקטע אינם צוזאַמענפאָר, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די ענינים, פּראָבלעמען און מיינונגען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר, רירן אָן נישט נאָר פיר, נאָר צענטליקער טעמעס און פאַר אַ סך פון זיי וואָלטן נויטיק געווען באַזונדערע קאָנפערענצן. צוזאַמען מיט טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע טעמעס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן, וועלכע זיינען געווען אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון עט־לעכע גלותן. צוזאַמען מיט די דעבאַטן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן דעקלעראַטיווע „אני מאמין׳ס" לטובת דער אָדער אַ קעגנערישער מיינונג.

אין דער ווייטערדיקער אָפּהאַנדלונג וויל דער מחבר אַוועק־שטעלן איינע קעגן דער אַנדערער די מיינונגען פון די אַנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ בלויז בנוגע פאָלגנ־דיקע פיר טעמעס און אָפּשפּיגלען די דיסקוסיע אַרום:

דאָס יידנטום אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער.

דער היינטיקער גלות.

די פּאָזיציע פון מדינת ישראל אינם וועלט־יידנטום.

יידישע אידעאָלאָגיע אין דער היינטיקער צייט.

קאַפּיטל 1

דאָס יידנטום און די היינטיקע וועלט

אין זיין רעפעראַט „דאָס יידנטום אין דער היינטיקער וועלט" האָט נתן ראָטנשטרייך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ווענדונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אינם יידנטום אין די לעצטע דורות און וואָס באַשטייט דערהויפּט אין דעם, „וואָס דאָס פאָלק איז אוועקגעשטעלט געוואָרן און האָט זיך אַליין אוועקגעשטעלט אין דער מענטשלעכער געשיכטע אַזוי ווי זי איז ... דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן צו זען אויך זיין אייגענעם שליאַך, נישט אין די זייטן פון דער וועלט־געשיכטע, נאָר ווי אַ צוגעהעריקער צו דער דאָזיקער געשיכטע". נ. ראָטנשטרייך רעכנט אויס דריי אויסדרוקן פון אָט דער ווענדונג: די אינטעגראַציע פון די יידן אין די מאָדערנע מדינות, די באַטייליקונג פון די יידן אין די אידעאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון די פעלקער אין דער וועלט — צום ביישפּיל: אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון אייראָפּע — און די שאַפונג פון אַ זעלבשטענדיקער יידיש נאַציאָנאַלער גרופּע מיט אַן אייגענעם יורידישן און פּאָליטישן סטאַטוס אין דער וועלט־געשיכטע — די עטאַבלירונג פון דער יידישער מדינה. פון אָט דעם אויסגאַנגס־פּונקט קוקט נ. ראָטנשטרייך אויפן יידנטום אין דער היינטיקער וועלט און ער פאָרמולירט עס ווי פאָלגנדיק:

טריי צו זיך און אָפן פאַר דער וועלט

„יידישקייט האָט צו טאָן מיט דער וועלט און מיט איר באַשאַפער, מיט די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש אין פאַרבינדונג מיט גאָט. דאָס הייסט: זי האָט צו טאָן

מיט פראַגן פונם מענטש אַלס אַזעלכער. אָבער איר ממשות׳דיקע פאַרקערפּערונג ווי אַ לעבנס־שטייגער און אַ רעאַלע אָרדנונג קומט צום אויסדרוק אין אַ באַזונדערער מענטשלעכער גרופּע — דאָס איז דאָס יידישע פאָלק אין זיין היסטאָרישער געשטאַלט. מען דאַרף נישט אָפּשאַצן דעם דאָזיקן כאַראַקטער נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן. עס איז גענוג ווען מיר שטעלן פעסט דעם פאַקט, אַז אַזוי איז עס. אָבער מיטן דאָזיקן פאַקט זיינען פאַרבונדן אַ סך גייסטיקע פראַגן פונם דאָזיקן דור.

דורך דעם וואָס יידישקייט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן בלויז אינם היסטאָרישן תחום פונם יידישן פאָלק, האָט דאָס יידנטום אין אַ געוויסער מאָס געהאַלטן, אַז ער איז פריי פון טראָגן די אחריות פאַר דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, ווייל דאָס יידנטום האָט זיך באַטראַכט ווי באַרופן אָפּצוהיטן זיין אייגענעם וויינגאָרטן. אָבער אַדאַנק דער היסטאָרישער מעטאַמאָרפאָזע, וועלכע איז דער אויסגאַנג־פונקט פונם דאָזיקן אַנאַליז, איז נישטאָ מער קיין מעגלעכקייט אָפּצוהיטן דעם אייגענעם גאָרטן און נישט פאַרמעסטן זיך מיט די היינטצייטיקע פראַגן פון דער מענטשהייט און פון דער וועלט, ווייל מיר יינען דאָך שוין אַריין אינם גאַנג פון דער געשיכטע, וועלכע טרעפט אונדז צונויף מיט די דאָזיקע פראַגן.

דער אַנטשיידנדיקער אויספרוּוו, פאַר וועלכן עס שטייט דאָס יידנטום אינם היינטיקן דור מיט זיין היסטאָרישער ירושה, איז: צי פאַרמאָגט ער דעם כוח זיך צו פאַרמעסטן מיט די וועלט־פראַגן? אַנדערש געזאָגט — צי איז פאַר אים גענוג צו באַשיצן דאָס יידישע פאָלק, אָדער ער וועט אפילו נישט קענען זיין קיין שוץ־גאַרטל, אויב ער וועט זיך נישט פאַרמעסטן מיט די פראַגן פון דער וועלט...״. דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע גיט נ. ראָטנשטרייך אין זיינע פאָלגנדיקע ווערטער:

„...דאָס יידנטום האָט נישט קיין אַנדערן וועג, סיידן זיך אָנצוהאַלטן אין אַן אידעאָלאָגיש־אַרכימעדישן פונקט, וואָס זאָל, פון איין זייט — אויסדריקן טריישאַפט צו זיך אַליין, און פון דער אַנדערער זייט — זיין אָפן פאַר דער וועלט. מיר דאַכט, אַז דער דאַזיקער אַרכימעדישער פונקט קען זיין אין דער פאָלגנדיקער יידישער הויפט־אָנשויונג: דאָס לעבן פונם מענטש איז נישט זיינס. ער איז אָפּהענגיק פון דעם, וועלכער האָט אים דאָס לעבן געגעבן. פון דעם געזיכטס־פונקט, איז דער מענטש נישט סוווערען איבער דער וועלט, און פונדעסטוועגן איז זיין פאַרהאַלטונג כלפּי דער וועלט נישט קיין פּאַסיווע. די דאַזיקע יודאַאיסטישע שטעלונג האָט אַ זין אפילו ווען מען טייטשט נישט אויס די סוווערענלאָזיקייט פונם מענטש ווי אָפּהענגיקייט פון גאָט ד.ה. אפילו ווען מען באַנוצט נישט קיין רעליגיעזע אויסטייטשונג.

פון דער דאַזיקער יידישער שטעלונג קען מען אַרויסלערנען, אַז די וועלט אין וועלכער דער מענטש לעבט, איז נישט אָנגעוויזן אויף זיין ווילקירלעכקייט, איז נישט קיין אַבסורדאַלע וועלט, אָבער אויך נישט בלויז אַ היסטאָרישע. מען קען אויסטייטשן די דאַזיקע שטעלונג ווי אַ גלויביקע און מ׳קען זי אויסטייטשן אויך נישט גלויביק. אינם יידנטום מעגן זיין אידעאָלאָגישע וואַריאַציעס, וועלכע וועלן קעגנזייטיק דיסקוטירן צווישן זיך. ס׳איז אָבער נויטווענדיק, אַז אינם תחום פון יידנטום זאָל עקזיסטירן אַ ברייטער שטח, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן, פּאַקטיש אויב נישט טעאָרעטיש, די פאַרשיידענע מעגלעכע קאָמענטירונגען פון דעם איינעם קערן. דאָס איז דער שטח, וואָס אַנערקענט דעם קשר פונם מענטש מיט דער וועלט, אָדער מיט דעם קאָסמאָס אין דער געשיכטע. כלפּי אָט דער וועלט וועט דער מענטש שטיין ווי איינער וואָס געשטאַלטיקט זי לויט פּרינציפּן אָדער אימפּעראַטיוון פון דער גלויביקער אויפפאַסונג.

געשטאַלטיקן די ווירקלעכקייט — אין דעם ליגט דער אינטערעס פונם יידנטום. און דאָ וועט ער שטיין קעגנ־איבער דער קריסטלעכער דערלייזונג פון דער נשמה, וועל־כע עס באַצוועקן אויך די רעליגיעס פון אַזיע. די דאָזיקע פערמאַנענטע אַקטיווקייט כלפּי אונדזער אייגענער ווירק־לעכקייט, כלפּי דער ממשות׳דיקער סאָציאַלער וועלט, וועט זיין אַ פּרווו צוריקצוקערן זיך צו די קוואַלן פונם יידנטום. אויך די הלכה פון היסטאָריש־רעדאַגירטן אַספּעקט וועלן מיר קענען פאַרשטיין פונם דאָזיקן אַרכימעדישן פּונקט, ווייל די וואָרצלען פון דער הלכה שטעקן דאָך אין דעם קוק גופא און אין דעם אָנשטרענג צו פאָרמירן אַ פּאַק־טישע ווירקלעכקייט.
פון דעם געזיכטספּונקט וועט דאָס יידנטום שטיין קעגן די וועלטלעכע שטרעמונגען, וועלכע נעמען צו ביי דער רעאַלער וועלט יעדע באַדייטונג. ער וועט אויך שטיין קעגן יענע רעליגיעזע אויפפאַסונגען, וועלכע פאָדערן פון דער אמונה אָבסטינענץ פון דער ממשות׳דיקער וועלט. די פּאָזיטיוו באַגרענעצטע באַציונג צו דער ממשות׳דיקער וועלט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פּרווו צו פאָרמירן זי לויט פּרינציפּן, וועלכע שטאַמען נישט פונם מענטש גופא — דאָס איז אפשר דער אַרכימעדישער פּונקט, אויף וועלכן מיר וועלן קענען אויסהאַלטן. דורך דעם וועט אונדז אפ־שר געלינגען צו פאַרוואַנדלען יידישקייט אין לעבעדיקע זוימען פאַר זיך אַליין. דורך דעם וועט אפשר מעגלעך זיין צו עקזיסטירן אין דער געגעבענער געשיכטע, אויפצוהאַלטן דעם באַזונדערן שליאַך פון דער יידישער געשיכטע, און גלייכצייטיק שטיין אין אַ פאַרבינדונג מיט דער וועלט, וועלכע איז נישט בלויז געשיכטע״.

נישטאָ וואָס בייצוטראָגן אָריגינעל יידישעס

קעגן דער דאָזיקער אויפפאַסונג פונם יידנטום שטייט די אויפפאַסונג פון **ישעיהו לייבאָוויטש** *), וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין רעפעראַט „פּראָבלעמען פון דער וועלט און פּראָבלעמען פונם פאָלק": —

„אַזוי לאַנג די דיסקוטאַנטן האָבן דאָס רעכט צו פאָרמולירן דאָס יידנטום ווי עס געפעלט זיי, לויט זייערע נייגונגען און אינטעלעקטועלע אָדער סאָציאָלאָגישע צוגאַנגען און אינטערעסן, און מאַכן פונם 'יידנטום' אַ ריין סוביעקטיוון באַגריף — איז די דיסקוסיע נישט מער ווי אַ סעמאַנטי־שער פּלפּול. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן יידנטום ווי אַ געשיכטלעך פּראַגראַמאַטישער מאָמענט, און אידעאָלאָ־גיעס וועגן יידנטום. ווען מיר באַהאַנדלען דאָ דעם ענין, זיינען מיר נישט פאַראינטערעסירט אין די פאַרשיידענע באַדייטונגען, וועלכע עס שרייבן צו צו דער געשיכטע מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יידישער געשיכטע — טענדענצישע באַדייטונגען. אונדז אינטערעסירן דאָ אויך נישט די פאַרשיידענע אָפּשאַצונגען פון די שאַפונגען, דערגרייכונגען און פאַסירונגען פונם יידישן פאָלק. אונדז אינטערעסירן די שאַפונגען, דערגרייכונגען און געשעע־נישן גופא. מיר דאַרפן אויפפאַסן דעם טערמין 'יידנטום' אין אָביעקטיוון היסטאָריש־פּראַגראַמאַטישן זין: די פאַק־טישע פאַרקערפּערונג פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין פאַרלויף פון די דורות. און דוקא די פולע „יידישע ווירק־לעכקייט" און „אין משך פון די דורות" און נישט אין אַ באַשטימטער עפּאָכע, נישט פערזענלעכע, איינמאָליקע און פאַרבייגייענדיקע אַנטפּלעקונגען.

אין וואָס האָט יידישקייט פאַקטיש זיך פאַרקערפּערט? וואָס

*) פּראָפעסאָר פאַר ביאָכעמיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, רע־דאַקטאָר פון דער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע.

איז געווען דער סטאַביל־פּערמאַנענטער עלעמענט, וועלכן עס איז צו פאַרדאַנקען דעם אוממאויפהערלעכן קיום און די קאָנטינואירטע אידענטיטעט אין אַלע גלגולים זייט טויזנטער יאָרן? די דאָזיקע יידישקייט איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי די יידישע רעליגיע אין איר פּאַקטישער פאַרקערפּערונג אין דער תורה און מצוות, וועלכע זיינען סיסטעמאַטיש געאָרדנט אין דער הלכה. אַלע ווערטן און געדאַנקען, וועלכע שטאַמען אַרויס פון יידישקייט, זיינען געווען בלויז אַ צוגאַב־געביידע, וואָס שטייט איבער דער הלכה...

וואָס שייך אונדז אַליין — נישט פון דער „נבואישער ווי־זיע" און נישט פון דער „משיחישער מיסיע" וועלן מיר קענען גייסטיק זיך דערנערן. נישט זיי בילדן דעם צונויפּ־בינדנדיקן צעמענט צווישן אונדז און דעם יידנטום ווי ער איז פּאַקטיש געווען אין דער געשיכטע. פון היסטאָריש־רעאַלן אַספּעקט — נישט פונם תנ"ך לעבט דאָס יידישע פאָלק; ער לעבט פון דער תורה שבעל־פּה. דער תנ"ך איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַ גרויסן סעקטאָר פון דער מענטשהייט און דורך דעם איז ער נישט געוואָרן יידיש. דאָס באַדייט: דער תנ"ך איז נישט קיין קאָנסטיטואירנ־דיקער מאָמענט אינם יידנטום. נישט דורכן תנ"ך אַליין ווערט געשאַפן אַ יידנטום. די פאַקטאָרן וואָס האָבן אויפ־געבויט דאָס יידנטום — און איך זאָג עס ווידער נישט אַפּשאַצנדיק, נאָר ווי אַ היסטאָרישער־רעאַלער פאַקט — זיינען די הלכה און דער סידור. בלויז יידן האָבן די הלכה און דעם סידור. ווער עס האָט זיי אָנגענומען — איז גע־וואָרן אַ ייד און איז פאַרשלונגען געוואָרן אינם יידישן פאָלק. די הלכה האָט געמאַכט פאַר הייליק די פיר און צוואַנציק ספרים, וועלכע זיינען טיילווייז אַ צווייטראַנגיקע ליטעראַטור און אַ דריט־ראַנגיקע פילאָזאָפיע און געשיכ־טע, אָן עטיש־הומאַניסטישע ווערטן. נישט דער תנ"ך האָט געשאַפן דאָס יידנטום, נאָר דאָס יידנטום — וואָס ווערט

פאַרקערפּערט אין דער תורה שבעל־פה — האָט געשאַפן דעם תנ״ך. נאָר אַדאַנק דער הלכה און לויט איר זיינען די פיר און צוואַנציק ספרים באַשטעמפּלט געוואָרן ווי כתבי־הקדש, ווי הייליקע שריפטן...

מיר האָבן נישט וואָס בייצוטראָגן אונדזער אייגנס צו די פּראָבלעמען, מיט וועלכע די וועלט ראַנגלט זיך היינט, ווייל אונדזער אָריגינעלער און אייגענער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מענטש און וועלט, איז אַ צוגאַנג פון בלויז תורה און מצוות, וועלכע די וועלט האָט נישט אָנגענומען און וועט, ווייזט אויס, נישט אָנגעמען. יעדע אַנדערע זאַך וואָס מיר האָבן צו זאָגן איז נישט מער ווי אַ פּערעפראַזע פון דעם, וואָס די גויים האָבן שוין געזאָגט אין אַן אָריגי־נעלערער פאָרם...״

אמונה — עמבלעם פון יידישער שותפות

מיט דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס יידנטום האָט זיך אויך באַשעפטיקט הרב **צבי משה נריה** *) אין זיין רעפעראַט „דאָס יידנטום און זיין מיסיע״. ער האָט דערציילט, אַז אין אַ פּריוואַטן שמועס האָט אים בן־גוריון געזאָגט, אַז ער זוכט אַ געמיינזאַמען נענער, וואָס זאָל פאַרייניקן אַלע יידן. דער ענטפער פון צ. מ. נריה אויף דער פראַגע איז פאָלגנדיקער:

„לאָמיר זיך צוקוקן און זען וואָס אַזוינס האָט פאַרייניקט אַלע יידן אין משך פון דריי טויזנט יאָר! און ווירקלעך, כּדי צו פאַרטושן די המשכ׳דיקייט כאַפּן זיך אָן די קאָמענ־טאַטאָרן אין כלערליי מעטאַמאָרפאָזן: תנ״כיש יידנטום, דאָס שפּעטערדיקע יידנטום א.א.וו., א.א.וו. אויב ס׳איז אַ פאַקט, אַז אין משך פון 3000 יאָר איז אונדז נישט באַ־

---

*) ראש ישיבה אין כפר הראה.

קאַנט קיין שום לעגיטימער יידישער קיבוץ אָן גלויבן אין גאָט, אין דער תורה פון הימל, אין באַלוינונג און שטראָף, אין דער משיחישער שליחות (איך רעד נישט וועגן דער משיחישער וויזיע, נאָר וועגן משיחישער שליחות, ווייל משיחישע וויזיע אָן דער משיחישער שליחות איז גאָרנשט); אויב אין משך פון 3000 יאָר געפינט מען נישט קיין שום לעגיטימען יידישן קיבוץ אָן גלויבן אין גאָט, סיי דאָס דריקט זיך אויס אין די פאָרמולירטע דרייצן עיקרים פונם רמב״ם, אָדער אָן די דריי עיקרים פון אלבא, אָדער אויב זיך באַנוצן מיט דער שפּראַך פונם נביא חבקוק, אין דעם עיקר פון אַלע עיקרים: „וצדיק באמונתו יחיה״ — אַ צדיק לעבט מיט זיין גלויבן — איז עס אַ קלאָרער ענטפער: וואָס איז אַזוינס יידנטום. אַ יידנטום וואָס איז נישט געווען אַזוי, האָט נישט אויסגעהאַלטן. אַזאַ יידנטום קען העכסטנס דינען ווי אַ טעמע פאַר אַ דיסערטאַציע צו באַקומען אַ דאָקטאָראַט אין אַן אוניווערסיטעט. דאָס איז אָבער ניט געווען און איז ניט קיין לעבעדיק, עקזיסטירנדיק און ווירקנדיק יידנטום״.

וועלכער ייד איז לעגיטים?

דוכט זיך אַז קעגן אָט די ווערטער האָט געצילט **יצחק טאבענקין** *) אין זיין רעפעראַט „גלות און זעלבשטענדי־קייט״:

„מיר, וועלטלעכע יידן, זיינען „נישט לעגיטים״ אינם יידישן פאָלק און אין דער יידישער געשיכטע, ווי עס פּרווון אונדז פאָרשטעלן די פאָרשטייער פון די רעליגיעזע? מ׳קען נישט איינטיילן דאָס פאָלק אין „לעגיטימע״ און „נישט־לעגי־טימע״. נישט לעגיטים איז בלויז דער ייד, וואָס פאַרבינדט נישט זיין גורל מיטן גורל פון יידישן פאָלק. לעגיטים איז יעדער ייד וואָס איז צוגעבונדן צו זיין פאָלק וויסנדיק און

*) פון די פונדאַמענט־לייגער און דענקער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, פון די פירער פון קיבוץ המאוחד.

אַנערקענענדיק, אַז דאָס איז זיין פאָלק, אַז זיין גורל איז געמיינזאַם מיט די איבעריקע קלאַסן און ער זעצט פאַר די המשכ׳דיקייט פון די דורות. און אויב עמיצער האָט, צי זיין אומגליק אָדער גליק, פאַרלוירן דאָס וועלט־בילד ווי עס איז אָנגעגעבן אין דעם „שלחן ערוך״, הערט ער דורכדעם נישט אויף צו זיין אַ געזעצלעך קינד פון זיין פאָלק.

ווייל ווען עס וואָלט באמת געווען אַזוי, אַז נאָר די „תורה און מצוות״ מאַכן דעם ייד פאַר אַ „לעגיטימען״ ייד — קומט אויס, אַז בלויז אַ גאָר קליינע מינדערהייט אינם יידישן פאָלק איז לעגיטים, אַזוי אין אַמעריקע ווי אין ארץ־ישראל. אַזוי איז עס געווען אויך אין רוסלאַנד, אין פוילן, אינם פאַרברענטן מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. שוין דאָרט זיינען געוואַקסן און געשטיגן די פאָלקס־כוחות אין זייער וועלטלעכן און סאָציאַלן אויסדרוק, אין דעם גע־דאַנק און דער קונסט״.

יידישקייט — נישט נאָר רעליגיע

אויך **ישראל מעהלמאַן***) אין זיין רעפעראַט: „אין גלות — איז די דערציונג דער עיקר״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע: וואָס איז יידישקייט?

„די וואָס אידענטיפיצירן היינט יידישקייט מיט רעליגיע, מינימיזירן די געשטאַלט פון יידנטום און שטעלן אין גע־פאַר די גייסטיקע עקזיסטענץ פון גרויסע טיילן אינם יידישן פאָלק. מיר האָבן געהערט אַ קלאָרע דערקלערונג: די שלומי אמוני ישראל, די אמתע גאַנצע יידן זעען דאָס

---

*) דער דירעקטאָר פון דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר דערציונג און קולטור אין גלות ביי דער יידישער אַגענץ. לעקטאָר אין תל־אביבער אוניווערסיטעט.

קאָמפּלעטע אין דער רעליגיע אין פּשוטן זין, אין דער תורה און אין אָפּהיטן די מצוות. רעליגיע איז אַן אייביקער און זיך נישט ענדערנדיקער ווערט, וואָס שטייט אויסער פּלאַץ און צייט. אין זײַערע אויגן איז דאָס דאָס איינציק לעגיטימע יידנטום. אָבער נישט אַרויסטרעטנדיק קעגן זייער געפיל אָדער אָביעקטיווער אויפפאַסונג, מוז מען אונטערשטרייכן, אַז אַזאַ יידישקייט איז דאָס אייגנטום פון אַ טייל אינם פאָלק. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די יידישע מאַסן האַנדלט נישט און טראַכט נישט אַזוי.

לאָמיר זיך נישט רעכענען מיט דער אינדעפערענטישקייט און צווייפלעניש, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט און האָבן דערוויטערט פון דער רעליגיע אַ גרויסן טייל פונם פאָלק; אגב, ס'איז דאָ אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן גלייכגילטיקייט וועלכע פאַרשלעפּערט און פאַראַליזירט, און אַ צווייפל, וועלכער שטויסט אַמאָל צו זוכן וועגן און אפילו זיך צוריקקערן צום גלויבן. אָבער אויך די רעליגיעזע, אויסער די אָרטאָדאָקסן, זיינען שוין איצט זיך צעפּאַלן אויף פאַרשיידענע סינאַגאָגעס, קאָנסערוואַטיווע און רע־פאָרמיסטישע, וואָס שטאַרקן נישט די פאַרייניקונג און רוקן נישט בולט אַרויס די אייגנאַרטיקייט, נאָר פירן אַריין דוקא נאָך אַ פאַקטאָר פון צעשפּליטערונג. מעגלעך, אַז די נייע רעליגיעזע באַוועגונג, וועלכע האָט געפונען איר אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אין די סינאַגאָגעס, דרינגט אַרויס פון טיפעניש, אָבער לויט דער קלאָרער דערקלע־רונג פון די יידן וואָס היטן אָפּ מצוות, איז די דאָזיקע נייע רעליגיעזע באַוועגונג נישט לעגיטים. אין אַ צייט פון צעטומלטקייט און צווייפלעניש, טאָרן מיר נישט — פון פּראַקטישן און וויטאַלן אינטערעס — אַוועקשטעלן יידיש־קייט אויף איין יסוד פון רעליגיע, און מעג ער זיין ווי וויכטיק. עס זיינען נויטיק אַ סך רייפן, אַ סך באַנדן, וועל־כע זאָלן שטאַרקן דעם יידישן קבוץ פון אינעווייניק. פון דעם אַספּעקט, האַלט איך פאַר וויכטיק די נייע יידישע

ליטעראַטור, און באַזונדערס די העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע איז אויפגעוואַקסן אויף דער ישראל־ערד ווי אַ טייל פונם יידנטום... אונדזער נייע ליטעראַטור קען פאַרנעמען אַ בכבוד'יקן פלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידישער שאַפונג.

עס זיינען צו איר צוגעקומען נייע וויטאַלע עלעמענטן, וועלכע זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם אינטימען קאָנטאַקט צווישן דעם מענטש און דער הימלאַנד־ערד און פון דער באַנייונג פונם יידישן מענטש אין לאַנד פון די אבות. טראָץ איר יונגקייט, קען זי געבן דעם יידנטום אַ נייעם צוגאָב־ווערט".

הלכה־יידישקייט — א רעזולטאט פון גלות

אין זיין רעפעראַט „די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קיום" האָט אויך **אברהם יהושע העשל** *) זיך אָפּגעשטעלט אויף די פראַגן פון יידנטום און געזאָגט:

„אַזוי ווי מיר דאַרפן זיין מענטשן, פּונקט אַזוי דאַרפן מיר זיין יידן. דער וואָס פאַרלאָזט דאָס יידנטום, באַגייט גייס־טיקן זעלבסטמאָרד. געננוי ווי מ'קען נישט איבערבייטן דעם צלם־אלהים. יעדע אומה האָט באַקומען איר רעליגיע פון אַנדערע און מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס איז איינס מיט זיין תורה. אַלע טיילן פונם פאָלק, און נישט נאָר יחידי סגולה, זיינען די טרעגער פון דער דאָזיקער איניקייט צווישן דער אומה און דער תורה. זייענדיק יידן טוען מיר און שאַפן פאַר דער וועלט מערער ווי דורך וויכטיקע וויסנשאַפטס־בייטראָגן וואָס מיר ברענגען צו דער אַלגעמיינער קולטור...

ס'איז דאָ ביי יידן אַ דין, אַז יידישקייט איז נישט בלויז

---

*) ד"ר, פּראָפעסאָר אינם רבנים־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, אַ שרייבער.

אַ רשות היחיד. דער וואָס גייט אין וועג איינער אַליין, שטעלט זיך אויס אויף אַ געפאַר און נעמט אויף זיך אַ שולד. ווער עס שליסט זיך אויס פונם כלל, פאַרלייקנט דעם עיקר. אמת, טאָקע דער דין איז באַזונדער און דאָס לעבן — באַזונדער. היינט זעט עס אויס גלייך ווי אַ סך פרוכטן וואָלטן אַראָפּגעפאַלן פונם יידישן פאָלק. אַ בוים צייטיקט נישט יעדן טאָג קיין פרוכט, די פירות ווערן ווייניקער און די אַראָפּגעפאַלענע קענען פאַרפוילט ווערן...

יידישקייט איז אַן ענטפער אויף פראַגן, וואָס שטייען אין סאַמע צענטער פון דער וועלט, פון דעם יחידס וועלט און פון דער געזעלשאַפט. אַ מענטש קען נישט דערגיין דעם אמת פונם יידנטום, די ליכטיקייט פון דער תורה, סיידן ער קוקט אַריין אין די טיפענישן פון דער נשמה און הערט זיך צו צו אירע פּראָבלעמען. אָן אַזאַ אינטראָספּעקציע, ווען מען פאַרשטייט נישט די פראַגן, איז דאָס יידנטום און זיינע ענטפערס ווי אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר אַ זאַטן מענטש, ווי אַ לייזונג אָן אַ רעטעניש.

די יידן האָבן זיך דערוויטערט פון דער טראַדיציע ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו זען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די פּראָבלעמען, וואָס פּולסירן אינם מענטשנס האַרץ און דער תורה מצוות; דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער לאַנדשאַפט און דעם בית־הכנסת, צווישן דעם זון־אויפגאַנג און דער ברכה פון מעריב ערבים, צווישן דעם שבת און דער רעטעניש פון דער צייט. דאָס אַריינפּרעסן די יידישקייט אינם תחום פון דער הלכה — ביי דעם גאַנצן יראת הכבוד און רעספּעקט וואָס מיר האָבן פאַר איר — איז געווען איינער פון די רעזולטאַטן פון גלות, וואָס האָט אונדז קיין גוטס נישט געבראַכט און איז נישט ווערט באַגריסט צו ווערן. די דאָזיקע איינשרענקונג, דער דאָזיקער פּראָווינציאַליזם געהערט נישט צו די מידות פון די נביאים. דער וואָס שטעלט אַוועק יידישקייט בלויז אויף מעשים, פאַרמינדערט איר געשטאַלט און פאַרלייקנט איר גרויס־

קיים. די וואָס האַלטן זיך ביי די ווערטער פון חז״ל: „זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז דעם אויבערשטן נישט געבליבן מער ווי די ד׳ אמות של הלכה״ — פאַר־געסן, אַז די ווערטער דריקן נישט אויס קיין זיג, נאָר פאַרקערט. זיי זיינען אַן אויסדרוק פון צער און באַדויער צוליב דעם, וואָס די שכינה איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער גרויסער וועלט, פון די רעטענישן פון מענטש און נאַטור. די מקורות פון דער רעליגיע שטעקן אין די טיפענישן פונם געדאַנק, אין דער אָבסערוואַציע וועלכע קומט נישט צום אויסדרוק, אין דער שטוינונג ווען מען שטייט פאַר דעם וואונדער און פאַר דעם מיסטעריעזן, וואָס איז העכער פון יעדער באַגרייפונג און אויסדרוק.

דערפון איז געדרונגען, אַז די אויפלעבונג פון דער רעליגיע וועט קומען נאָר דורך באַנייונג פון דער אינערלעכער צע־טומלטקייט, דורך די יסורים פון דעם געדאַנק, וואָס שטייט פאַר דעם אומבאַקאַנטן אין יעדער זאַך, איינגעשלאָסן דאָס באַהאַלטענע און אומבאַוווסטע אין דער מחשבה גופא. פון דער פאַרצווייפלונג וואָס קומט אַרויף צוזאַמען מיט דער האָפענונג, פון די ליידן און ווירוואַר, פון דער לעכ־צונג און דעם געזאַנג רייסט זיך אַרויס דער גלויבן אין גאָט. די אמונה איז נישט מער ווי די רעאַקציע פונם יחיד און זיין ענטפער אויף דער געטלעכער שטימע, וועלכע טראָגט זיך אַרום איבערן גאָרטן און פרעגט דעם מענטש: ווו ביזטו? גלויבן איז נישט קיין סטאַטישער באַזיץ, נאָר אָב־סערוואַציע, פּאַסירונג, אינטראָספּעקציע אָדער באַלייכטונג היין און צוריק. דער גלויביקער שטייט נישט אויף איין אָרט. שטענדיק גייט ער אַרויף און אַראָפּ, געפינט און פאַרלירט. מיר לעבן פון איינצלנע מאָמענטן פון פולקאָ־מער אמונה און עס איז אונדזער פליכט צו געדענקען די דאָזיקע טייערע מינוטן, אָפּהיטן זיי אין אונדזער האַרצן און אויפהאַלטן זיי דורך מעשים יעדן טאָג, דורך מצוות אין לערנען תורה״.

דער היינטיקער גלות

אין די רעפּעראַטן, דעבאַטן און אין די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען האָט די מערהייט באַטייליקטע אינם צוזאַמענפאָר באַרירט די פראַגע, וואָס איז דער היינטיקער גלות און האָבן אויסגעדריקט זייער באַציונג צו אים. אַ טייל פון די אַנטיילנעמער, וואָס זיינען געקומען פון אויסלאַנד, האָבן זיך אפילו אָפּגעשטעלט אויף דער אייגנאַרטיקייט פון די גלותן, וועלכע זיי האָבן רעפּרעזענטירט אויף דעם צוזאַמענפאָר. אויך אין אָט דער פראַגע זיינען אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די פיל מיינונגען וועגן גלות, וואָס הערשן צווישן די היינטיקע יידישע דענקער.

געעפנט די טעמע האָט **זלמן שזר** אינם אַריינפיר צום צוזאַמענפאָר. ער האָט געזאָגט:

„עס ברענט מער נישט קיין שנאה אַרום אונדז. די פרעמדע זיינען מער נישט אונדזערע שונאים און פאָדערן מער נישט אונדזער אָפּזונדערונג ווי מען האָט אַמאָל געפאָדערט אין די אַלטע גלותן. אין קעגנטייל, אָפענע אָרעמס שטייען גרייט אונדז אויפצונעמען און פרעמדע וועלטן צוּיבערן, רופן און עפענען טויערן און הערן אויף צו זיין פרעמד פאַר אונדז. ווי אַזוי וועלן מיר אויפהאַלטן דעם יצר הקיום פונם פאָלק אין אַזאַ דור? מיט וואָס וועלן מיר אים דערנערן? די צוקונפט פונם גאַנצן ציוניזם אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען — ד.ה. אי דאָס ווערק פון אונדזער אויפקום אינם היימלאַנד און געוויס דער קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט אין גלות — הענגט דאָך אַ סך אָפּ דערפון, אַז דער עקזיסטענץ־אימפּולס פונם פאָלק זאָל אָנהאַלטן און שטאַרקער ווערן".

גלות און נישט תפוצה

אינם רעפעראַט א.ד.ט. „קיום הברית" האָט **שמואל שפערבער** *) געזאָגט פאָלגנדיקס וועגן גלות:

„נישטאָ קיין קיבוץ־גלויות, סיידן מען נעמט אָן דעם באַגריף גלות. אויב קיין גלות איז נישטאָ, איז ממילא נישטאָ קיין קיבוץ־גלויות. אויב מען באַנוצט זיך מיטן טערמין „תפוצה", מעקט מען דערמיט אויס דעם שם המפורש גלות און מען מעקט אויס ממילא דעם יסוד פון קיבוץ־גלויות. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס מען מעקט אויס אַזאַ גרויסן נאָמען, אַ נאָמען, וואָס פילט אויס די וועלט. דער גלות האָט אונדז נישט נאָר דעגענערירט, נישט נאָר געלאָזט אונדז ליידן. דער באַוווּסטזיין פונם גלות האָט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן. איך האָב מורא, אַז די אַלע, וועלכע זאָגן „תפוצה" און מעקן אויס דעם נאָמען „גלות", אונטערגראָבן און טרייסלען פונאַנדער דעם בנין פון גלות. דאָ איז נישט מער ווי אַ נאַכט־דערשיינונג, אַ וועלט פון פאַנטאַזיע, אַ וועלט פון מדינה און „תפוצה", וואָס דער קשר צווישן זיי איז אַ לופט־פאַרבינדונג, אַן ענין פון בלויז סענטימענטאַלער און ראָמאַנטישער שטי־מונג, אויף וועלכער דאָס יידנטום וועט נישט עקזיסטירן, נישט אין דער מדינה, נישט אין די גלות־לענדער.

מיר אַלס ציוניסטן — ענדלעך איז דער צוזאַמענפאָר דאָך צונויפגערופן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע — דאַרפן לייגן אַכט דערויף, מיר זאָלן נישט אויס־לײדיקן דעם ציוניסטישן געדאַנק פון זיין אינהאַלט, וועל־כער פאַרפליכטעט און האַלט אים אויף. דאָס מיינט, מיר דאַרפן וואָרענען און דערמאָנען, אַז ס'איז דאָ אַ גלות אין דער וועלט, אַ גרויסער גלות.

---

*) אַ רב, דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר תורה־דערציונג און קולטור ביי דער יידישער אַגענץ אין לאָנדאָן.

אויף דעם באַגריף „פאַרניינונג פונם גלות", וואָס איז פּאָ־פּולער אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָט זיך אָפּ־געזטעלט **מנחם דורמן** *):

„דער א' און ת' פונם ציוניזם איז די אַקסיאָמע, אַז אין גלות איז נישטאָ קיין צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק. דער ציוניזם האָט נישט דערפונדן די פאַרניינונג פון גלות, ער האָט בלויז אויפגעקלערט זיינע מאָטיוון און די געזעצלעכ־קייט און האָט אַקטיוויזירט פאָליטישע פאָקטאָרן, כדי צו מאַכן פון דער גלות־פאַרניינונג אַ טרייב־קראַפט פאַר דער יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע באַ־וועגונג וועט האָבן אַ רעוואָלוציאָנער פּאָליטישע אידעאָ־לאָגיע, אָדער זי וועט בכלל נישט עקזיסטירן. געוויס זיי־נען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות פון אינטענסיווקייט אינם ציוניסטישן חלוציזם, אָבער דער געמיינזאַמער נענער פאַר אַלע מדרגות ליגט אין דער דאָזיקער זיכערקייט, אַז דער גלות אומעטום, נישט נאָר אין די לענדער פון אכזריות־דיקער יידישער נויט, קען לאַנג נישט אויסהאַלטן".

קלאָרער זיינען געוואָרן די ענינים אין יענעם טייל פונם צוזאַמענפאַר, וואָס איז לכתחילה געווען געווידמעט דער פראַגע פון די **באַציונגען צווישן מדינת ישראל און די גלות־לענדער.**

---

*) פון די רעדאַקטאָרן פונם ביכער־פאַרלאַג פון קיבוץ־מאוחד.

צוויי מינים גלותן

אין זיין רעפעראַט „מדינת ישראל און די צוקונפט פונם פאָלק״ האָט דוד בן־גוריון געשילדערט דעם גלות אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און היינט. אָפּשטעלנדיק זיך באַזונדערס אויף דעם מהות פונם יידישן צענטער אין די פאַרייניקטע־שטאַטן, האָט ער געזאָגט:

„ביזן אָנהויב פון דער עמאַנציפּאַציע אין 19־טן י.ה. האָבן אַלע יידן אומעטום געוווסט, אַז זייערע וווין־ערטער זיינען נישט מער ווי אַ פּראָוויזאָרישער גלות. עס איז זיי גאָר־נישט איינגעפאַלן, אַז זיי זיינען אַ טייל פון דעם פאָלק, מיט וועלכן זיי וווינען, געננוי ווי דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען ווייט אויך פון די פעלקער, צווישן וועלכע יידן האָבן געוווינט. דאָס דאָזיקע געפיל פון פרעמדקייט איז געבליבן אינם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום ביז צו דער לעצטער מינוט. דאָס יידנטום אין רוסלאַנד, אין פוילן, רומעניע און אין די באַלקאַן־לענדער האָבן די גאַנצע צייט אַנערקענט, אַז זיי זיינען אַ מינדערהייטס־פאָלק אין אַ פרעמדן לאַנד, און אין די 80־ער יאָרן פון 19־טן י.ה. האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון די מזרח־לענדער צו יענער זייט אָקעאַן.

דאָס געפיל פון פרעמדקייט און לעבן אין דער פרעמד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינם וואָרט „גלות״, האָט עק־זיסטירט אין אַלע דורות נאָכן חורבן פון בית שני. די יידישע אמונה, די משיחישע האָפנונג און דאָס געפיל פון מאָראַלישער העכערקייט האָבן געהאָלפן די יידן גובר־צו־זיין די רדיפות און יסורים, וועלכע זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין אינם רוב לענדער און כמעט אין אַלע צייטן. דאָס ביישטיין דעם דרויסנדיקן דרוק און נישט אָפּשרעקן זיך פאַר עינויים, פאַר דערנידעריקונג און רדיפות, איז געווען אַ גרויסע מאָראַלישע גבורה, אָבער אַ פּאַסיווע גבורה, ווייל זי איז געווען באַגלייט מיט אונטערוואָרפן

זיך דעם גורל און מיט אַ געפיל פון אָנמאַכט און אָפּהענ־
טיקייט. די דערוואַרטעטע און געגאַרטע גאולה האָט גע־
דאַרפט קומען דורך איבערנאַטירלעכע כוחות״.

קעגן דעם גלות פון אָט דעם טיפּ שטעלט אַוועק דוד בן־
גוריון דאָס אַמעריקאַנער יידנטום:

„אינם הויפּט־לאַנד פון דער נייער וועלט איז אויפגעוואַקסן
אַ יידישער צענטער, וואָס אַזעלכער איז קיינמאָל נישט
געווען אין די יידישע גלותן לגבי רייכקייט, איינפלוס און
כוח, לגבי פּאָליטישער און גייסטיקער מעגלעכקייט. דאָס
דאָזיקע יידנטום, וואָס האָט צוערשט זיך באַטראַכט ווי אַ
גייסטיקע „קאָלאָניע״ פונם אייראָפּעאישן יידנטום, איז
היינט געוואָרן די פּאָליטישע, מאַטעריעלע און קולטורעלע
מעטראָפּאָליע פונם גלות־יידנטום. דאָ איז אויפגעקומען אַ
קאָלאָסאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווערט, וואָס אַן
אמת, איינגעשרומפּן מיטן איבערגאַנג פונם צווייטן און
דריטן דור אימיגראַנטן צו האַנדל און אינדוסטריע און צו
פרייע פּראָפעסיעס. דאָ זיינען אויפגעקומען די פאַרשיי־
דענע צענטערס פאַר „חכמת ישראל״, יידישע אוניווערסי־
טעטן און הויכשולן פאַר לערער און רבנים. דאָ איז אָפּ־
געשוואַכט געוואָרן און אויך אינגאַנצן פאַרשוווּנדן דאָס
געפיל פון גלות און פרעמדקייט. און הגם די אידעאָלאָגיע
פון אַסימילאַציע האָט נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען אינם
אַמעריקאַנער יידנטום, פאַרשפּרייט זיך אָבער די פּאַקטישע
אַסימילאַציע וואָס נוגע שפּראַך, קולטור, שטייגער, אינם
עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. די אַמעריקאַנער יידן,
איינגעשלאָסן די ציוניסטן, קוקן אויף זיך ווי אויף אַ טייל
פונם אַמעריקאַנער פאָלק; אָבער גלייכצייטיק באַטראַכטן
זיי זיך ווי אַ יידישע גרופּע. זייערע הערצער זיינען וואַכזאַם
לגבי יעדער יידישער זאַך און זיי דערלאַנגען אַן אומגע־
הויער גרויסע, מאַטעריעלע און פּאָליטישע הילף צום
אויפבוי פונם ישוב און פון דער מדינה״.

זיין מיינונג וועגן דעם היינטיקן גלות סומירט דוד בן־גוריון ווי פאָלגנדיק:

„מיר שטייען איצט פאַר אַ יידישער צעוואָרפנקייט, וועלכע איז ראַדיקאַל אַנדערש פון דער יידישער צעוואָרפנקייט מיט פופציק יאָר צוריק. די צוויי גרויסע הויפּט־צענטערס פונם יידנטום אין גלות זיינען אין די פאַרייניקטע־שטאַטן און אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס יידנטום אין די מוסלמענישע לענדער איז אין גרויסן טייל עולה־געווען קיין ישראל, און מען דאַרף אָננעמען, אַז אויך דאָס געבליבענע רעשטל וועט עולה־זיין אין די נאָענטע יאָרן. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז אַנדערש פון יעדן יידישן קיבוץ, וועלכער איז ביז איצט אונדז באַקאַנט אין אונדזער געשיכטע, פונם יידנטום אין בבל אין די אַמאָליקע צייטן, ביז דעם רוסישן יידנטום אין די צאַרישע צייטן. דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ איז אויפגעוואַקסן אין פרייהייט און גלייכהייט און דאָס גאַנצע פאָלק צווישן וועלכן ער לעבט, איז אַ פאָלק פון אימיגראַנטן געגנוי ווי די יידן. נאָר מיט איין זאַך איז ער ענלעך צו אַלע איבעריקע יידישע קיבוצים אין גלות, וואָס זיין עקאָנאָמיש סאָציאַלע סטרוקטור איז אַנדערש פון דער מערהייט אינם אַמעריקאַנער פאָלק.. די יידן אין אַמע־ריקע געהערן אַלץ מערער בלויז צום מיטל־קלאַס און צום הויכן קלאַס. די צאָל ערד־אַרבעטער איז כמעט אַ נישטיקע און אויך פיזישע אַרבעטער ווערן אַלץ ווייניקער. די יידן אינטעגרירן זיך אין האַנדל, אין דער אינדוסטריע און אין די פרייע פּראָפעסיעס און אין די דאָזיקע פּאָזיציעס פּראָס־פּערירן זיי מאַטעריעל שטאַרק. ווי אַזוי דער דאָזיקער דערפאָלג וועט זיך אָפּרופן אויף זייער לאַגע און אויף דער באַציונג פון דער מערהייט צו זיי — דערויף וועט ענטפערן בלויז די צוקונפט.

אין אַלע איבעריקע שטחים אין די פאַרייניקטע־שטאַטן איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן יידן און נישט־יידן. ביי די אַמעריקאַנער יידן איז נישטאָ קיין אידעאָלאָגיע פון

אַסימילאַציע, עס עקזיסטירט אָבער און עס וואַקסט די פּאַקטישע אַסימילאַציע, הגם זי איז נישט פאַרבונדן מיט פאַרלייקענען דאָס עצם זיין אַ ייד. די דאָזיקע יידישקייט האָט זייער קנאַפּע און שוואַכע ממשות׳דיקע אָנהאַלטס־פּונקטן. עס ברייטערט זיך אויס דער רעליגיעזער קולט, ס׳איז אָבער אַ צווייפל, צי עס שטאַרקט זיך דער רעליגיע־זער באַוווסטזיין. די צוגעהעריקייט צו אַ סינאַגאָגע אָדער טעמפּל איז נישט אידענטיש מיט דער צוגעבונדנקייט צו דער טראַדיציאָנעלער הלכה, אָדער צו די גייסט־ווערטן פון די יידישע נביאים. די אָרגאַניזאַציעס וואָס געהערן צום ציוניסטישן לאַגער אין אַמעריקע, זיינען מיט גאָרנישט נישט אַנדערש פון די יידן, וואָס געהערן נישט אָפיציעל צום ציוניסטישן לאַגער. דער ציוניזם אין אַמעריקע איז נישט באַגרינדעט אויף אָנערקענען דעם גלות און דאָס לעבן אין דער פרעמד, אויף דעם ווילן און אויף דער נויט־ווענדיקייט צוריקצוקערן זיך קיין ציון. יעדע אַנאַלאָגיע וואָס ווערט דורכגעפירט צווישן דעם גורל פונם אייראָפּע־אישן יידנטום און דעם גורל פונם אַמעריקאַנער יידנטום — צום גוטן אָדער צום שלעכטן — איז גרונטלאָז און זינלאָז. די יידן אין די פאַרייניקטע־שטאַטן האָבן נישט קיין שום שטערונג אָפּצוהיטן זייער יידישקייט און זייער צוגע־בונדנקייט צו מדינת ישראל. עס איז אָבער אויך נישטאָ קיין שום אינערלעכע און אויסערלעכע אָבליגאַטאָרישקייט דאָס צו טאָן. יעדער וויסנשאַפטלעכער פּראָגנאָז, וואָס איז באַגרינדעט אויף היסטאָרישער נויטווענדיקייט — אויב עס קענען בכלל זיין וויסנשאַפטלעכע פּראָגנאָזן אין דער געשיכטע — קען זיך אַרויסווייזן פאַר נישט ריכטיק. עס איז נוצלאָז און געשמאַקלאָז צו פירן אַבסטראַקטע אָפּ־האַנדלונגען וועגן דער צוקונפט פונם יידנטום אין אַמע־ריקע. מען דאַרף אויפקלערן, וואָס איז דאָ צו טאָן, כדי צו פאַרזיכערן זיין צוקונפט לויט אונדזער ווילן און לויט אונדזערע יידישע באַדערפענישן.

אַנדערש זעט אויס די לאַגע פונם יידנטום אין סאָוויעטישן בלאָק, און באַזונדערס אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס דאָזיקע יידנטום איז שוין זייט 40 יאָר פאַרמשפט אויף אַסימילאַ־ציע דורך דעם טאָטאַליטאַרן רעזשים, וואָס איז פיינטלעך געשטימט צום יידנטום. דער דור וואָס איז אויפגעוואַקסן אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, האָט נישט גע־קענט באַקומען קיין שום יידישע דערציונג און איז מיט גוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון דער היסטאָרישער טראַ־דיציע, פון זיינע פאַרבינדונגען מיטן יידישן פאָלק און מיט ארץ־ישראל. ער קען נישט לייענען און שרייבן העברעאיש אָדער יידיש. עס איז אים פאַרבאָטן אַרויסצופאָרן פון רוס־לאַנד. און ווען נישט דער אויפקום פון מדינת ישראל, וואָלט ער אין יידישער הינזיכט פריער אָדער שפּעטער גע־ווען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג.
אָבער דער טאָטאַליטאַרער רעזשים איז נישט אַלמעכטיק און איז נישט פאַרזיכערט קעגן ענדערונגען און אומ־וועקסלונגען. אין קעגנזאַץ צו דער דעקלאַרירטער טעאָריע וועגן זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע פעלקער אין ראַטנ־פאַרבאַנד, געניסן נישט די יידן פון דער דאָזיקער זעלבסט־באַשטימונג, טראָצדעם וואָס זיי געהערן אָפיציעל צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. דער עקספּערימענט אין ביראָ־בידזשאַן איז פולשטענדיק דורכגעפאַלן. דער אַנטיסעמי־טיזם אין ראַטנפאַרבאַנד, הגם ער איז לויטן געזעץ פאַר־באָטן, האָט נישט אויפגעהערט און איז נישט שוואַכער געוואָרן. דער דאָזיקער פאַקט, נישט ווייניקער ווי די עק־זיסטענץ פון מדינת ישראל, וועקט און פאַרשטאַרקט דאָס יידישע געפיל, הגם אין די באַדינגונגען פונם קאָמוניס־טישן רעזשים קען דאָס געפיל נישט האָבן קיין אָרגאַני־זירטן קולטורעלן אויסדרוק. אָבער דאָס יידישע פּראָבלעם אין רוסלאַנד הויבט אָן אַליין מער צו באַאומרואיקן אויך די דאָרטיקע הערשער גופא און עס איז נישט אויסגע־שלאָסן, אַז זיי וועלן ענדלעך, און אפשר שוין אין די נאָ־

ענטע יאָרן, דערגיין צו דער איינציק ממשות׳דיקער ליי־
זונג: עפענען די טויערן פאַר יידישער עלייה קיין ישראל.
לויט באַגלויבטע קוועלן, באַטרעפט די צאָל יידן אין רוס־
לאַנד דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן. אויב די אַרויספאָר־
טויערן וועלן געעפנט ווערן, דאַרף מען אָננעמען, אַז
ווייניקסטנס אַ העלפט פונם רוסישן יידנטום וועט עולה־
זיין קיין ישראל. און מדינת ישראל צוזאַמען מיטן גאַנצן
יידנטום דאַרפן זיך גרייטן אויף אַזאַ מעגלעכקייט, אין
וועלכער עס זיינען פאַראַן קאָלאָסאַלע שוועריקייטן צוזאַ־
מען מיט געבענטשטע אויסזיכטן, וואָס אַזעלכע זיינען
נאָכנישט געווען פאַר דער מדינה און פאַר דער צוקונפט
פונם יידישן פאָלק״.
אין די ביידע צענטערס — אין די פאַרייניקטע־שטאַטן און
אין סאָוויעט־רוסלאַנד זיינען קאָנצענטרירט 80% פונם
היינטיקן גלות־יידנטום. וועגן די איבעריקע יידן האָט בן־
גוריון אין זיין סך־הכל געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:
„מען טאָר נישט אָוועקקוקן די וויכטיקייט פון די יידישע
קיבוצים אין די איבעריקע פרייע לענדער: אין מערב־
אייראָפּע, אין קאַנאַדע, אין לאַטיין־אַמעריקע, אין דרום־
אַפריקע, אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד. די באַדינגונגען אין
די דאָזיקע לענדער זיינען נישט מיט אַלץ ענלעך צו די
באַדינגונגען אין די פאַרייניקטע־שטאַטן — אָבער די ענ־
לעכקייט איז אַ גרויסע. אויך דאָ דאַרף מען זיך נישט
באַשעפטיקן מיט אַבסטראַקטע פּראָגנאָזן, נאָר אָנווענדן
אַרבעטס־מעטאָדן און מיטלען, וועלכע קענען פאַרטיפן די
באַוווסטזיניקייט פון דער יידישער שליחות און די אייני־
קייט פונם יידנטום״.

מדינה און גלות — צוויי אקסן פון אונדזער געשיכטע

אין זיין רעפעראַט „ישראל און דאָס יידישע פאָלק" האָט ד"ר **נחום גאָלדמאַן** זיך אָפּגעשטעלט אויף דער השפעה, וואָס די קאַטאַסטראָפע האָט געהאַט אויף דער געשטאַלטיקונג פונם היינטיקן גלות. ער האָט נעגירט די טעאָרעטישע מעגלעכקייט צו רעקאָנסטרואירן דאָס פאַרלוירענע. ער האָט געזאָגט:

„מען דאַרף נישט דעטאַליזירן דעם באַדייט פון דער נאַציסטישער קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען זעקס מיליאָן יידן פון אייראָפּע. לויט מיין מיינונג, האָבן מיר נאָכנישט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן די גרויס פונם אומגליק. מיר האָבן פאַרלוירן נישט בלויז אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, אַ פאַקט, וואָס האָט נישט זייןביישפּיל וויי-ניקסטנס אין דער מאָדערנער געשיכטע. מיר האָבן פאַרלוירן יענעם טייל פונם פאָלק, וואָס איז געווען דער הויפּט-צענטער פון אונדזער קולטורעלער און גייסטיקער עקזיסטענץ. מיר האָבן פאַרלוירן די יורשים און די טרעגער פון אונדזער טויזנטער-יאָריקער קולטור-ירושה. דאָס אומגעקומענע יידנטום פון צענטראַל-מזרח-אייראָפּע האָט געשאַפן כמעט אַלע ווערטן און געדאַנקען, פון וועלכע אונדזער דור האָט זיך דערנערט: ציוניזם, יידישער סאָציאַליזם, העברעאיש און יידישיזם, די אָרטאָדאָקסיע אין איר מאָדערנער פאָרם און דאָס רעפאָרמירטע יידנטום, די חסידות און מתנגדות. עס וועט זיין נאַיוו און פאַנטאַסטיש צו האָפן, אַז אַן אַנדער טייל פונם פאָלק, וואָס עס מיינט קודם-כל דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ און וועט פאַרטרעטן דאָס מזרח-אייראָפּעאישע יידנטום. אַמעריקע האָט נישט און קען נישט האָבן די אָביעקטיווע לעבנס-באַדינגונגען, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דעם מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום צו פירן אַן אָריגינעל לעבן. מען קען נישט רעקאָנסטרואירן דאָס זעלבע יידישע לעבן

אין די פאַרייניקטע־שטאַטן. אַ „ישיבה" אין ניו־יאָרק, וואָס פון איר רעכטער זייט שטייט אַ קינאָ, און פון לינקס — אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט, וועט נישט קענען פאַרטרעטן די אַטמאָספערע און דעם קולטורעלן קלימאַט פון טעלז און וואָלאָזשין. מען קען נישט פונדאַסניי שאַפן אין גלות אַזאַ יצירה־צענטער, וואָס האָט הונדערטער יאָרן עקזיס־טירט אין מזרח־אייראָפּע, אפילו ווען דאָס איבערגעבלי־בענע רעשטל יידן אין מזרח־אייראָפּע וועט ווערן פריי און וועט קענען פירן אַן אייגענעם לעבן. עס וועט זיין נישט רעאַל צו האָפן, אַז דאָס דאָזיקע יידנטום וועט פאַר־זעצן די טראַדיציע און די שאַפונגס־קראַפט פון די יידישע קהילות, וועלכע האָבן עקזיסטירט איידער היטלער און די קאָמוניסטן האָבן געהערשט".

וועגן דער זיך פאַרענדערנדיקער באַציונג מצד די יידן אין גלות צו זייער נישט־יידישער סביבה, האָט ד"ר גאָלדמאַן געזאָגט:

„אין די אויגן פון די יידן אין געטאָ זיינען די גויים גע־שטאַנען אויף אַ נידעריקער מענטשלעכער מדרגה. זיי האָבן אויף זיי געקוקט מיט פולשטענדיקן בטול און געזען אין זיי באַרבאַרן און געצנדינער. דער ייד האָט פיזיש געליטן פון די גויים, אָבער נישט מאָראַליש. דאָס וועט אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, עס איז אָבער אַ צווייפל, צי עס איז ווען נישט איז געווען אַ פאָלק, וואָס האָט מיט זיך אַזוי שטאָלצירט ווי די יידן אין געטאָ. מען האָט זיי גערודפט אויף דער וועלט, זיי האָבן זיך אָבער באַטראַכט, ווי אויסדערוויילטע קנעכט פון גאָט אויף יענער וועלט. זיי זיינען געווען באַדינער פון באַרבאַרן, אָבער זיך געפונען אונטערן שוץ פון דעם אַלמעכטיקן. יעדע גזירה האָט פאַר־שטאַרקט דעם יידישן שטאָלץ און דאָס איז געווען אַ טייל פון זייער היסטאָרישער שליחות. ווי אַ פאָלק זיינען יידן אַנטלאָפן אין משיח'ס וועלט אַריין, ווי יחידים זיינען זיי אַנטלאָפן אין יענער וועלט. געוויס האָבן דעם ייד נישט

געפעלט זעלבסטווירדיקייט, שטאָלץ און טיפער זעלבסט־באַוווסטזיין בנוגע דעם ציל פון זיין עקזיסטענץ.
דער באַפרייטער אָדער אַסימילירטער ייד האָט דאָס אַלץ פאַרלוירן. רבנים קענען דרשנען און גלויבן אין דער טע־אָריע פון אתה בחרתנו, אָבער דער יידישער מיטגליד פונם אַמעריקאַנער גאָלף־קלוב גלויבט דערין נישט. ער זעט זיין נישט־יידישן קאָלעגע העכער פון אים און אַלע זיינע באַ־גערן זיינען — צו ווערן מיט אים גלייך. דער ייד אין אַמעריקע קוקט געוויס נישט אויף דעם נישט־ייד פון אויבן אַראָפּ ווי זיין זיידע אין שטעטל האָט געקוקט אויף נישט־יידן״.
ד״ר גאָלדמאַן האָט אויסגעדריקט זיין היסטאָרישע אָנ־שויונג וועגן דעם גלות און האָט געגעבן אַן איבערבליק בנוגע זיין פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט:
„דער גלות איז נישט קיין דערשיינונג פון איין עפּאָכע אין דער געשיכטע. ער האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיטן חורבן פון בית שני. דער אָנהויב פון אונדזער געשיכטע איז גע־ווען אין גלות־מצרים. די איבערוואַנדערונג פונם יידישן פאָלק פון מצרים קיין ארץ־ישראל איז נישט געווען, זאָל מיר דערלויבט זיין דאָס צו באַמערקן, ווי אַ געוויינטלעכע עמיגראַציע אין ערשטן געשיכטלעכן עטאַפּ פון אַ פאָלק. די עמיגראַציעס פון די העלענער, רוימער, דייטשן און סלאַוון זיינען אין אָנהויב נישט געגאַנגען אין איין מדינה. די דאָזיקע שבטים האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן און האָבן פאַרענדיקט ערגעץ ווו מיט אָקופּאַציע און מיט באַזעצן זיך. דאַקעגן ארץ־ישראל איז געווען דער ערשטער ציל אין אונדזער געשיכטע. ווען משה האָט אַרויסגענומען די יידן פון מצרים, איז דאָס נישט געווען אַן עמיגראַציע מיטן צוועק אויסצוזוכן אַן אָרט, וואָס פאַרמאָגט דעם פרוכט־באַרסטן באָדן און די לייכטסטע קאָלאָניזאַציע־באַדינגונ־גען. אַ רעליגיעזע אויפפאַסונג האָט זיי געוויזן דעם וועג

צו דעם איינעם לאַנד, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן צו אברהמען — קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע דערשיינונג פּאַרוואַנדלט די יידישע געשיכטע אין מצרים אין דעם ערשטן גלות. שפּעטער, נאָך הונדערטער יאָרן פון אַן איי־גענער מדינה איז געקומען דער גלות בבל, דער צווייטער גלות, און נאָך אים ווידער אַ מדינה און ווידער גלות, וועלכער האָט געדויערט ביז דעם אויפקום פון מדינת ישראל. צי איז די דאָזיקע איבערחזרונג אַ צופאַל? צי איז אַ צופאַל די ספּעציפישע דערשיינונג פון פּאָלאַרישקייט אין אונדזער געשיכטע, וועלכע אַנטוויקלט זיך צווישן די ביידע געביטן און ווירקלעכקייטן פון מדינה און גלות? אויב דאָס איז אַ צופעליקייט — פאַרלירט דאָן יעדע געשיכטע פון אַ פאָלק איר זין און גרויסקייט... צו אונדזער גליק, זיינען מיר דערגאַנגען צו דעם מאָמענט ווען ס׳איז געקו־מען דער סוף פונם לעצטן גלות. עס עקזיסטירט דער נאַציאָנאַלער צענטער אין אונדזער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז דער טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס לעבט אין ישראל, דאַרף זיין אַ סך גרעסער ווי ער איז היינט. אַ צענטער קען לאַנג נישט עקזיסטירן, אויב ער נעמט אַרום בלויז אַ זעקסטל פונם פאָלק. די טראַגעדיע פונם גלות איז דער־גאַנגען צו איר סוף, ווייל עס עקזיסטירט אַ מדינה, וווהין עס קען אַריינקומען יעדער ייד און וווּ ער קען פירן אַ פול יידיש לעבן.

טראָץ אונדזער גאַנצן שטאָלץ און פאַרערונג פאַר אונ־דזער גורל, וועלכער האָט אונדז דערמעגלעכט צו דערגיין צו אַזאַ סוף און צו שאַפן דעם נייעם נאַציאָנאַלן צענטער פון אונדזער וועזן, טאָרן מיר נישט איבערהיפּן יענעם קאַפּיטל אין אונדזער גורל, וואָס רופט זיך גלות. הונדער־טער פעלקער האָבן געהאַט מדינות, אָבער קיין שום פאָלק האָט נישט געהאַט אַזאַ געשיכטע ווי אונדזערע, אין וועל־כער עס איז געווען אַ צוזאַמענמיש פון אַ מדינה און פון אַ גלות, אין וועלכער עס זיינען געווען טענדענצן צו טע־

ריטאָריעלער קאָנצענטראַציע און צו זיין צעוואָרפֿן איבער אַלע עקן וועלט; אַ געשיכטע, אין וועלכער עס איז געווען אַ באַזונדער טעמפּאָ, אַ ספּעציעלע גרויסקייט, אי טראַגעדיע אי גבורה. צי איז עס נישט אונדזער רעכט און אונדזער פליכט דאָס אַלץ צו אָנערקענען, מיט דעם זיך באַקענען און אָנצונעמען אַ קאַטעגאָרישן באַשלוס — אויפֿצובויען אַ צוקונפֿט, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן און זיין ראוי דער דאָזיקער ספּעציפֿישער פֿאַרגאַנגענהייט״?

נישט גלאָריפֿיקאַציע פֿונם גלות

מיט דער דאָזיקער אַנשויונג האָט דיסקוטירט **דוד בן־גוריון** זאָגנדיק:

„איך בין נישט קיין שותף צו ד״ר גאָלדמאַנס גלאָריפֿיקאַציע פֿונם גלות. יעדער איינער פֿון אונדז שטייט מיט טיפֿן יראת הכבוד און פֿאַרערונג פֿאַר דעם גרויסן מאָראַלישן כוח, וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין זייערע וואַנדערונגען און ליידן אין גלות, ראַנגלענדיק זיך מיט שונאים, אונטערדריקער און מערדער, פֿאַר וועלכע זיי האָבן נישט קאַפּיטולירט און נישט פֿאַרציכטעט אויף זייער יידישקייט. אָבער דער גלות, אין וועלכן יידן האָבן געלעבט און לעבן נאָך היינט, איז אין מיינע אויגן אַן אומגליקלעכע, אָרעמע, ביטערע און צווייפֿלהאַפֿטע איבערלעבונג, מיט וועלכער עס איז נישטאָ וואָס צו שטאָלצירן. אין קעגנטייל — מען דאַרף זי נעגירן מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון נעגאַציע. איך וויל רעספּעקטירן יעדן קראַנקן מענטש, וואָס ליידט וויטאַקן, ראַנגלט זיך פֿאַר זיין עקזיסטענץ, און קאַפּיטולירט נישט פֿאַר זיין ביטערן גורל, אָבער זיין צושטאַנד איז ביי מיר נישט קיין אידעאַל. די בויער פֿון ארץ־ישראל און פֿון דער מדינה, וועלכע האָבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן פֿאַרווירקלעכט די גאולה־שטרעבונג, נאָך

אידער עס איז באַנייט געוואָרן דער טערמין „ציוניזם“ און אויך שפּעטער — האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם גלות און מיט אים רעזיגנירט. זיי האָבן נישט רעוואָלטירט קעגן דער מאָראַלישער גבורה פונם יידישן פאָלק, וואָס האָט געקענט אויסהאַלטן קעגן אַלע זיינע שונאים. זיי זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דער אָפּהענגיקייט, קעגן דער פרעמד־קייט, קעגן דער מאַטעריעלער און גייסטיקער פאַראָרע־מערונג, קעגן דעם מאַנגל אין יידישער און מענטשלעכער זעלבשטענדיקייט און פרייהייט אין זייער גלות־לעבן, און קעגן יעטוועדן גלות“.

קיום אין גלות — א מקור פון שטאָלץ

דערויף האָט אים געענטפערט נחום גאָלדמאַן:

„איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס רופט בן־גוריון אָן מיין צוגאַנג צו די ענינים פון גלות מיטן נאָמען: גלאָריפיקאַ־ציע פונם גלות. ער האָט דאָ געהאַלטן אַ רעדע וועגן דעם גלות, אַז ער איז פאַרשקלאַפונג און נישט זעלבשטענדי־קייט, דערנידעריקונגען. ווען איך וואָלט דאָס נישט געוווסט, ווען איך בין נאָך געווען אַ פערצן יאָריק ייִנגל, וואָלט איך נישט געהאַלטן מיין ערשטע ציוניסטישע רעדע אַ יאָר נאָך דעם ווי איך בין געוואָרן בר־מצווה. און איך בין נאָך היינט אַ ציוניסט! צי דאַרף מען מיר אויפקלערן, אַז גלות איז גלות? כ׳האָב געזאָגט: די יידן אין גלות האָבן עפּעס געשאַפן. אויך בן־גוריון האָט געטענה׳ט, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע גבורה און אַז קיין שום פאָלק האָט נישט עקזיסטירט אַזויווי מיר אין גלות. אויב מען רעדט וועגן שטאָלץ, איז אונדזער עקזיסטענץ אין משך פון צוויי טויזנט יאָר אין גלות, ווי אַ פאָלק, די איינציקע זאַך, מיט וועלכער מיר קענען שטאָלצירן. דער דאָזיקער קיום האָט אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי די גרעסטע נצחונות פון דער מדינה. מיליטערישע נצחונות זיינען נישט אייגנאַרטיק אין דער געשיכטע פון פעלקער, בעת די עקזיסטענץ פונם

ייִדישן פֿאָלק אין גלות איז אַן אייגנאַרטיקע. צי הייסט עס גלאָריפֿיקאַציע? — ניין. איך וויל נישט פֿאַרזעצן דעם גלות, דעריבער בין איך דאָך אַ ציוניסט".

ספּעציפֿישקייט פֿון דער אַמעריקאַנער תּפוצה

אַ היסטאָרישן איבערבליק פֿונם גלות געפֿינען מיר אויך אינם רעפֿעראַט פֿון **ראָבערט גאָרדיס**, „יהודה און ישׂראל":

„עס זיינען געקומען טעג פֿון חורבן און גלות. די ייִדן זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן פֿעלקער און זייער פּראָוויזאָרישער אויפֿהאַלט איז געוואָרן אַ סטאַבילער אויף דורות לאַנג. אינם רוב וווּ־לענדער איז אַנערקענט געוואָרן די באַזונדערע פּאָזיציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ווי אַ פֿרעמדע גרופּע, וועלכע עקזיסטירט אויסשליסלעך אַדאַנק דעם ווילן פֿון דער הערשנדיקער מאַכט אָדער פֿון העכערן רעגירער. דער אַפּאַראַט פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט איז אָפֿיציעל אַנערקענט געוואָרן דורך דעם „מכניס־אורחים'דיקן" פֿאָלק, ווי למשל: „דער ריש־גלותא" אין בבל, דער ארכון אין אלכסנדריה פֿון מצרים, די „אַלדזשעמאַע" אין דעם מוסלמענישן און קריסטלעכן שפּאַניע, דער „ועד ארבע הארצות" אין פּוילן און אין ליטע, ווי אויך די פּרנסים און פּירער פֿון די קהילות אין דער איטאַליענישער געטאָ־שטאָט און אין דייטשלאַנד. דאָ האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿט אָנגענומען אַן אַנדערע פֿאָרם און איז געוואָרן אַ צוואַנגס־געמיינדע (Compulsory Community) דער ייִדישער יחיד האָט דאָ נישט געקענט זיך באַפֿרייען פֿון זיינע פֿליכטן לגבי דעם כּלל ישׂראל, סיידן ער איז געווען גרייט איינגאַנצן איבערצורייסן די קייט דורך שמד — אַן עקסטרעמער שריט, וועלכער איז געווען אויסער יעדער מעגלעכקייט פֿאַר דער איבערוויגנדיקער מערהייט

פונם פאָלק. אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ייד, פלעגט די רעגירונג אויף אים אַרויפצווינגען די דיסציפּלין פון דער קהילה, אים צווינגען זיך אונטער־צוואַרפן אירע געזעצן, באַצאָלן די שטייערן וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט און אויך אָננעמען אַזעלכע שטראָפן, ווי מלקות, חרם און אין זעלטענע פאַלן אויך ביז צו מיתת בית־דין, טויט־שטראָף...

אַ קאַלאָסאַלע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אינם לעבן פונם יידישן פאָלק אין 18־טן י.ה. זי האָט זיך אָנ־געהויבן צוערשט אין פראַנקרייך און פון דאָרט זיך פאַר־שפּרייט איבער דייטשלאַנד און די איבעריקע מערב־לענ־דער, און ענדלעך אַריינגעדרונגען אויך אין דער יידישער געזעלשאַפט פון מזרח־אייראָפּע. די דענקער פון דער „ראַציאָנאַליסטישער עפּאָכע" האָבן דערשיטערט די פונ־דאַמענטן פון דער אָנגענומענער קולטור בכלל, און פון דער רעליגיע בפרט. זייערע מיינונגען האָבן געפונען פאַר זיך אַ וועג אויך צו דער כלומרשט פאַרשלאָסענער וועלט פון דער יידישער געזעלשאַפט און האָבן ראַציאָנעל אָק־צעפּטירט דעם פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אַדאַנק די גרויסע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. „די פילאָ־זאָפן פון דעם ראַציאָ" האָבן געהאָלפן דעם יונגן יידישן דור צו נעגירן די אויטאָריטעט און קאָמפּעטענץ פון דער תורה און אירע געזעצן ווי אַ לעבנס־שטייגער. די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט רואינירט די רעשטלעך פונם פעאָדאַלן רעזשים אין מערב, אַדאַנק דער אינדוס־טריעלער רעוואָלוציע און דעם אויפשטייג פון דעם בור־זשואַזן קלאַס, האָט אויפגעהויבן דעם לאָזונג פון „רעכט פאַר דעם מענטש אַלס אַזעלכן", נישט מאַכנדיק זיך וויסנ־דיק פון דער אַנדערשקייט אין דער ראַסע, אין דער רע־ליגיע, אין דער סאָציאַלער פּאָזיציע און נאָך „ווערטלאָזע" ענינים. עס איז אוממעגלעך געווען זיך אַרויסצודרייען פון

דער לאָגישער מסקנה, וועלכע דרינגט אַרויס פון דער דאָזיקער שטעלונג, אַז אויך די יידן זיינען ווערט צו גע־ניסן פון גלייכבאַרעכטיקונג און דאַרפן אָנגענומען ווערן ווי בירגער פון דער מדינה און נישט ווי מיטגלידער פון אַ פרעמדער גרופע, וואָס וווינט אין דער מדינה... אין דער מאָדערנער עפּאָכע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין אַנטשטאַנען אַ קאָ־לעקטיוו פון פרייען אויסוואַל, וועלכער האָט נישט פאַר־לאַנגט מער ווי פראַגמענטאַרע, נישט אָרגאַנישע יידיש־קייט. פון אָט דעם גרונט־כאַראַקטער פונם יידישן לעבן אין די לעצטע 200 יאָר נעמען זיך די אַלע דערשיינונגען פון קעגנזאַצן, נשמה־שפּאַלטונגען און נישט־אויסגעהאַלטנ־קייט אין דער פסיכיק פון דעם מאָדערנעם ייד. „תמים תהיה" — די דאָזיקע מצווה איז אין אונדזערע דורות אינ־גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אינם אינדיווידועלן און אין קאָלעקטיוון לעבן. די סך דערשיינונגען פון דעקאַדענץ, פאַרלייקענונג און גייסטיקער פאַראַרעמערונג שטאַמען פון צעפּיצלונג פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם".

אין זיין היסטאָרישן איבערבליק שטעלט זיך אָפּ ראָבערט גאָרדיס אויף דעם אַמעריקאַנער גלות און זיין ספּעציפישן מהות:

„די אַמעריקאַנער יידן קענען גוט די געפאַר וואָס דראָט זיי מצד דער אַסימילאַציע און קאָסט זיי אַ סך קרבנות. זייער האַרץ וויינט איבער יעדן איינצלנעם ייד, וואָס ווערט אַסימילירט. דאָך האָבן זיי נישט מורא פאַר דעם פול־שטענדיקן זיג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. נישט ווי די אַנ־דערע עטנישע מינדערהייטן, וועלכע גיסן זיך צענויף מיט דער אמתער אָדער שיינבאַרער אַנגלאָזאַקסישער מערהייט, אין פאַרלויף פון עטלעכע געציילטע דורות, און ווערן פאַרשוווּנדן אין דעם אַמעריקאַנער „שמעלץ־קעסל", זעען די אַמעריקאַנער יידן אַ גוטע מעגלעכקייט צו עקזיסטירן פּערמאַנענט ווי אַ באַזונדערער קאָלעקטיוו מיט אַן אייגע־

נעם נאָמען און מיט אַן אייגענער באַפּאַרבונג. דער דאָזי־קער שטאַרקער גלויבן שעפּט זיין יניקה פון צוויי קוואַלן: די קוואַליטעט פון דער יידישער געזעלשאַפט אין די פּאַרייניקטע־שטאַטן, ווי זי קריסטאַליזירט זיך אויס, און די געזעלשאַפטלעך אַמעריקאַנער סטרוקטור, ווי זי זעט אויס פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די מדינה פון די פּאַרייניקטע־שטאַטן.

פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס אין די פּאַרייניקטע־שטאַטן לערנען מיר, אַז יעדע נאַציאָנאַל־קולטורעלע מינדערהייט, וואָס קומט קיין אַמעריקע, ווערט ענדלעך ליקווידירט און פאַרשוווּנדן. אַזוי איז געשען מיט די האָלענדער, מיט די שוועדן און הוגענאָטן אין 17־טן י.ה. די אַסימילאַציע האָט שטאַרק פּראָגרעסירט צווישן די דייטשן, סקאַנדינאַוון און אירלענדער, וועלכע זיינען געקומען קיין אַפריקע אין 19־טן י.ה. די זעלבע נייגונג שטאַרקט זיך אויך ביי די קאָלעקטיוון, וועלכע האָבן לעצטנס אימיגרירט, — ביי די איטאַליענער און פּאָלאַקן בלויז יחידי־סגולה, וועלכע זיינען אַן אויסנאַם, קענען ביישטיין דעם דאָזיקן צונויפ־שמעלצנדיקן שטראָם. די אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט דער־מעגלעכט נישט אַז אַ סך עטנישע גרופּן זאָלן עקזיסטירן מער ווי אַ קורצע איבערגאַנגס־צייט, זינט דעם אַריינקום קיין אַמעריקע ביז עס ווערט געבוירן אַ יונגער דור. פון דער אַנדערער זייט, איז אָנגענומען אינם אַמעריקאַנער לעבן די פונדאַמענטאַלע אַנשויונג וועגן אַ סך רעליגיעזע קאָלעקטיוון אָן אונטערשייד, צי זיי ציילן אַ סך מיטגלי־דער אָדער ווייניק...

דעריבער זעט דער אַמעריקאַנער ייד אַ גוטע אויסזיכט פאַר פאַרזעצן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע נישט פרעמד און נישט פּראָוויזאָריש, נאָר ווי אַ בן־בית, וואָס לעבט דאָרט סטאַביל און שטענדיק. אויב פון דרויסן איז נישטאָ קיין שטערונג אויפצוהאַלטן יידישקייט, זעט דער ייד אויך פון אינעווייניק עטלעכע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן,

וועלכע מען קען דאָ נישט אויסרעכענען נאָר בלויז אין קורצן. איין פאַקטאָר איז די צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג, וואָס באַטרעפט איבער 5 מיליאָן נפשות, און אַזאַ מאַסשטאַב איז גענוג גרויס, כדי צו קענען איבערטראָגן פאַרלוסטן פון טויזנטער און אפילו צענטליקער טויזנטער, וואָס וועלן פאַרלאָזן זייער פאָלק און זיך איינגאַנצן אַסימילירן. דאָס וועט נישט אויפטרייסלען די אַלגעמיינע יידישע אידענטיטעט. דער צווייטער פאַקטאָר איז די קאָמפּאַקטקייט פון דער מערהייט יידן, וואָס וווינען אין ישובים מיט אַ קענטיקן פאַרנעם, וועלכע דערמעגלעכן צו גרינדן רעליגיעזע, דערציערישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס פלאַנצן איין אין די הערצער פונם פאָלק אַ געפיל פון טריישאַפט און יידישער לאָיאַליטעט. מער ווי אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבט אין ניו־יאָרק און אין דער אומגעגנט און נאָך צוויי מיליאָן און מער וווינען אין די 13 גרויסע שטעט פון אַמעריקע ד.ה. אַז 75% וווינען אין יידישע קיבוצים, וואָס ציילן יעדער איינער מער ווי 10 טויזנט נפשות און זיי זיינען גענוג גרויס און פאַרמאָגן גענוג מיטלען, כדי פאַרצווזעצן דעם קיום.

אין די לעצטע צען יאָר האָט זיך געשטאַרקט די נייגונג צו באַזעצן זיך אין די פאַרשטעט אַרום די גרויסע שטעט. דווקא אין די דאָזיקע שיינע און נייע קוואַרטאַלן שפירט דער ייד אַ נויטווענדיקייט צו געהערן, ווייניקסטנס אָפּיציעל, צו דער יידישער געזעלשאַפט דורך אַריינטרעטן ווי אַ מיטגליד אין אַ סינאַגאָגע, זיך אָנשליסן אין אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן צענטער, אָדער יידישע אָרגאַניזאַציע, ווי למשל: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, בני־ברית א.ד.גל.

אין די לעצטע יאָרן שפירט זיך אַ קענטיקער אויפשטייג אין דער צאָל קינדער, וואָס באַזוכן העברעאישע שולן און אין דעם פּראָצענטזאַץ פון דער יוגנט, וואָס באַקומט וועלכע ניט איז יידישע דערציונג. אפילו אַן אויבערפלעכלעכע

דערציונג — און די מערהייט יידישע קינדער אין אַמעריקע איז נאָכנישט אַרויס פון דער ראַם פון אויבערפלעכלעכער דערציונג — קען שטאַרקן ביי די תלמידים דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. עס איז צו באַמערקן, אַז אויך קוואַליטאַטיוו האָט די דערציערישע לאַגע זיך געבעסערט. עס וואַקסט כסדר די צאָל טאָג־שולן (ישיבות קטנות) און הגם די תלמידים פון די טאָג־שולן בילדן נאָך אַ קליינע מינדערהייט, ציילן זיי דאָך טויזנטער שילער, וועלכע ווידמען פון צען ביז 20 שעה אַ וואָך פאַר לימודי קודש אין העברעאיש און דערוועררבן ווערטפולע יידישע קענטעניש.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז געגליכן צום מערב־אייראָפּעאישן יידנטום מיט זיין מאָדערנער פאָרם פון צופּאַסן זיך צו דער אַרומיקער קולטור. אָבער דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז אין כמות אַבסאָלוט און רעלאַטיוו גרעסער פונם מערב־אייראָפּעאישן יידנטום. די דייטשישע יידן האָבן קיינמאָל נישט געציילט מער ווי 600 טויזנט נפשות און זיי האָבן אויסגעמאַכט בלויז 1% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די אַמעריקאַנער יידן ציילן $5\frac{1}{2}$ מיליאָן נפשות און מאַכן אויס 4% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. וועגן זייער קאָמפּאַקטקייט האָבן מיר שוין אויבן גערעדט. דערמיט האָבן מיר נאָכנישט געזאָגט גענוג: די יידן אין אַמעריקע האָבן כמעט אַלע אַ געפיל פון אַ בן־בית, פולקאָמע פרייהייט און איינוואָרצלונג אינם אַמעריקאַנער באָדן און אויך אינם אַמעריקאַנער פאָלק, אַ געפיל, וואָס איז געווען זעלטן אויך ביי די יידן אין מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן שטענדיק גענדאַרפט פירן אַ קאַמף קעגן דעם אָרגאַניזירטן און צייטנווייז פרעכן און עקסטרעמען אַנטיסעמיטיזם. און צו לעצט — אין אַמעריקע עקזיסטירט אַן אַטמאָספערע פון אַן אַקטיוון יידישן לעבן מיט אַ גרויסער מענגע פון אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען, מיט פערמאַנענטער און פאַרצווייגטער באַהאַנדלונג פון דער יוגנט,

װעלכע װערט ייִדיש דערצויגן — און די דאָזיקע דערשײַנונגען זײַנען געװען זײער שװאַך בײַ די ייִדן אין מערב־אייראָפּע.
עס איז נישט צו פאַרלײַקענען, אַז אין אַמעריקע האָט מען נישט אַנטװיקלט קיין ייִדיש לעבן מיט אַ רײַכן אינהאַלט און מיט פילפאַרביקע מנהגים ענלעך צום ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. אָבער די ייִדן אין אַמעריקע האָבן אָפּגעירשנט פון זייערע עלטערן אין מזרח־אייראָפּע אַ װאַרעמע און האַרציקע באַציונג און אַ געפיל פון טיפער ייִדישער אידענטיפיצירונג און צוגעהעריקייט צו זייערע ייִדישע ברידער, װאָס זיי גיבן איבער בירושה צו זייערע קינדער נאָך זיי. און מען דאַרף באַצייכענען נאָך אַ פּרט: אין אייראָפּע איז די רעליגיעזע כּפירה באַטראַכט געװאָרן װי אַ בילדונגס־צייגעניש, באַזונדערס צװישן ייִדן, בעת אין אַמעריקע כּל־זמן די רעליגיע איז דער פונדאַמענט פאַר דער עקזיסטענץ פונעם ייִדישן קיבוץ, איז עס אַ גרויסע מעלה, װאָס ייִדן לעבן אין אַ סביבה, װעלכע באַציט זיך מיט רעספּעקט און נישט מיט גרינגשעצונג צו רעליגיע.
דער פאַקט, װאָס סיי דער קאָמוניזם און סיי דער פאַשיזם האָבן נישט געשלאָגן טיפע װאָרצלען אינעם אַמעריקאַנער באָדן, פאַרקלענערט אומגעהויער די געפאַר פון פיזישן אומקום פון ייִדישן קאָלעקטיװ אין אַמעריקע״.

צעשפּרייטקייט — אַ סטאַבילע דערשײַנונג פון ייִדישער עקזיסטענץ

אין זײַן רעפעראַט „דער זיך ענדערנדיקער זין פונעם ציוניזם״ פאָרמולירט **יוסף שעכטמאַן** װי פאָלגנדיק דעם טערמין „הײַנטיקער גלות״:
„דער באַגריף „גלות״ איז באַנוצט געװאָרן און װערט נאָך הײַנט אָפט באַנוצט אין דער שפּראַך פונעם ציוניזם, כּדי צו באַצייכענען די ייִדישע מינדערהייטן פון דער גאַנצער

וועלט אָן אונטערשייד. מען האָט זיך מיט אים באַנוצט אויך ווי אַ סינאָנים צום באַגריף „גולה" — גלות־לאַנד. די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע איז אינהאַלטלעך נישט באַ־רעכטיקט. „גלות" הייסט דאָס פאַרטרייבן אַ פאָלק פון זיין היימלאַנד, צו וועלכן מען לאָזט אים נישט צוריקקערן זיך. „גולה" — גלות־לאַנד מיינט — אַ צעשפּרייטונג, וועלכע איז בדרך כלל אַ וואָלונטערע דערשיינונג, סיי אין אָנהויב, סיי אין איר המשך. די ספּעציפישע ווירקלעכקייט פונם יידישן לעבן זייט הונדערטער יאָרן האָט אידענטיפיצירט דיביידע קאַטעגאָריעס, וועלכע אונטערשיידן זיך אין גרונט, ווייל דער יידישער גלות איז אַנטשטאַנען נישט פון אייגע־נעם גוטן ווילן. יידן וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צו זייער זיין אין גלות, האָבן עס נישט געקענט טאָן. זיי האָבן געקענט פאַרלאָזן די מדינות אין וועלכע זיי האָבן געוווינט, אָבער די פרעמדע מאַכט האָט פאַר זיי פאַרשפּאַרט דעם אַריינקום אין דעם „אויפנעם־לאַנד", אין ארץ־ישראל. אַזוי איז געשען, אַז דער באַגריף „גלות" און דער באַגריף „גולה", זיינען, טראָץ דער פאַרשיידנאַרטיקייט צווישן די ביידע, געוואָרן סינאָנימען אין דער ווירקלעכקייט און אין דער טערמינאָלאָגיע.

דער דאָזיקער פאַקטישער צושטאַנד עקזיסטירט מער נישט. אין דעם היינטיקן אויפנעם־לאַנד, אין ישראל ווערט, לויטן רעפּאַטריאַציע־געזעץ, באַגריסט יעדער ייד, וואָס נויטיקט זיך אין אַ מקום מקלט, אָדער אין אַ נאָרמאַל נאַציאָנאַל לעבן און וויל קומען זיך באַזעצן אין לאַנד. לגבי יענע יידן, וועלכע לעבן אין פרייע לענדער, ווו עס עקזיסטירן נישט קיין אַרויספאַר־באַגרענעצונגען, עקזיסטירט מער נישט דער גלות. די דאָזיקע יידן קענען פריי פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער און קענען פריי אַריינקומען קיין יש־ראל. און אויב זיי טוען עס נישט, איז עס צוליב זייער פרייען אויסוואַל. זייער עקזיסטענץ אין גלות איז אויף זיי מער נישט אַרויפגעצוווּנגען. דעם טערמין „גלות" קען

מען מער נישט אָנווענדן לגבי דער איבערוועגנדיקער מערהייט פונם וועלט־יידנטום און מען קען ווייטער מיט אים זיך נישט באַנוצן. נישט סאָציאָלאָגיש און נישט פּראַקטיש איז נישט באַרעכטיקט צו רעדן וועגן אַן אַמערי־קאַנער גלות, אַ פראַנצויזישן אָדער אפילו אַ טוניסישן גלות. די יידישע קהילות אין די לענדער פון דער פרייער וועלט זיינען איצט מינדערהייט־גרופּן פונם יידישן פאָלק, פּונקט ווי אירלענדישע אָדער גריכישע קהילות אין יענע לענדער זיינען מינדערהייטס־גרופּן פון דעם אירישן אָדער גריכישן פאָלק. מען קען רעדן וועגן אַ גייסטיקן גלות, וועגן דער קולטור־שפּאַלטונג אין דער פּערזענלעכקייט פון יעדן ייד וואָס לעבט אין די תפוצות, אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער, וועלכע גייט נישט אַריין אין דעם געזעלשאַפטלעך פּאָליטישן אַנאַליז.

גלות אין זין פון אויפגעצוווּנגענעם לעבן אין דער פרעמד עקזיסטירט נאָך פולשטענדיק לגבי די יידישע קהילות אויף יענער זייט פונם „אייזערנעם פאָרהאַנג" (ראַטנפאַר־באַנד, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע), פון וועלכע עמיגראַציע איז פאַרבאָטן אָדער באַגרענעצט".

און די מסקנה פון ד"ר שעכטמאַן איז:

„...דער צוריקקער פונם מערבדיקן יידנטום קיין ישראל מוז זיין אַ פּראָצעס וואָס אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַם — סיידן אין דער פרייער וועלט וועט געשען עפּעס אַ גרויסער אומגליק. און דעריבער וועט די גלות־צעשפּרייטקייט בלייבן אַ סטאַבילע אייגנשאַפט פון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער עקזיסטענץ. דער ציוניזם און מדינת ישראל דאַרפן שלום־מאַכן מיט דער דאָזיקער דערשיינונג. דאָס הייסט אויך, אַז דער ציוניזם און די מדינה וועלן דאַרפן עקזיס־טירן צוזאַמען מיט דער דערשיינונג פון אַסימילאַציע.

יצחק טאבענקין אַנערקענט נישט די אַנדערשקייט צווישן איין גלות און דעם צווייטן און ער שליסט דערפון נישט אויס אויך די פּאַרייניקטע־שטאַטן:

„אפשר איז דאָס אַ „חידוש", וואָס איז איצט באַנייט געוואָרן אינם ציוניזם — ער האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער המשכ׳דיקייט פונם ציוניסטישן געדאַנק — אַז דאָרט, וווּ יידן זיינען זאַט מיט ברויט און פּרנסה, זיינען זיי נישט הונגעריק נאָך זעלבשטענדיקייט און נעמען אויף דעם גלות נישט ווי אַ גלות. אָבער די „זאַטקייט" אַליין גיט נישט די יידן וואָס לעבן אין גלות דעם געפיל פון אַ מענטש, וואָס לעבט ביי זיך אין לאַנד און אין זיין נאַציאָנאַלן היימלאַנד.

דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע: וואָס איז אַזוינס „גלות"? גלות איז די אָפּהענגיקייט פון דער מינדערהייט מצד דער מערהייט, אַן אַבסאָלוטע און קאָנקרעטע אָפּהענגיקייט פון יענעם. אָבער דאָ איז געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד, וועט קיינמאָל נישט געשען מיט די יידן אין אַמעריקע. צי האָבן די יידן אין דייטשלאַנד אויך נישט אַזוי געמיינט? ווען איך האָב באַזוכט דייטשלאַנד שוין אונטער דער היטלער־מאַכט, אין 1934, האָט איינער פון די גרויסע ציוניסטן מיר געזאָגט, אַז אין דייטשלאַנד וועט נישט געשען דאָס, וואָס איז געשען און האָט געקענט פּאַסירן אין רוסלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע. צי שטייט אָבער אַמעריקע פון מעק־קאַרטי אויף אַ העכערן קולטור־ניוואָ ווי דאָס ווייִמאַרישע דייטשלאַנד? צי זיינען אין דייטשלאַנד ניש געווען ליבעראַלן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאָמוניסטן, הומאַניסטן, טאָמאַס מאַן — און פונדעסטוועגן זיינען דורך די דייטשן־נאַציס פאַרברענט געוואָרן 6 מיליאָן יידן!? דעריבער זאָגן מיר צו די יידן זיי זאָלן אַרויס

פון גלות, און נישט אין משך פון דורות, נאָר אין פאַרלויף פון איין דור".

מיר ווילן נישט אז יידן זאלן לעבן אין גלות

איר קוק אויפן לעבן פון די יידן אין גלות האָט **גאָלדע מאיר**, די אויסערן־מיניסטאָרין פון מדינת ישראל, אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און פראָטעסטירט קעגן דעם עצם זיין פון אונדזער פאָלק אין גלות. מיר ווילן נישט, אַז יידן זאָלן לעבן אין גלות. אָבער טראָץ דעם איז עס אַ פאַקט, אַז זיי לעבן דאָרט. מיר קענען נישט פאַרשטיין די דאָזיקע אויסטערלישע לאַגע, אין וועלכער אונדז זאָל זיין פאַרבאָטן אַרויסצוזאָגן אַזעלכע ווערטער מיטן פולן מויל בלויז דערפאַר, ווייל עמיצער קען אונדז נישט ריכטיק פאַרשטיין און מיינען, אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט בלויז אין די ענגע גרענעצן פון מדינת ישראל.

איך אַליין האָב שטענדיק געגלויבט, און דוכט מיר, אַז דאָס איז נישט געווען קיין מיינונג פון אַ יחיד, אַז דער פונדאַמענט פונם ציוניזם איז — אַן אייגן לאַנד, יידישע זעלבשטענדיקייט. שטענדיק האָב איך געגלויבט דעריך, אַז ציוניזם מיינט עמאַנציפּאַציע פון יידן אין אַלע הינזיכטן, איינגעשלאָסן אין גייסטיק־קולטורעלער הינזיכט, דער ייד זאָל קענען פריי שאַפן זיינע קולטור־ווערטן. אפשר איז אין דעם פאַראַן אַ שטיקל פּרעטענסיע, איך גלויב אָבער, אַז אין גלות קען אַ ייד נישט שאַפן ווי אַ פרייער מענטש און ווי אַ פרייער ייד. נאָר אין מדינת ישראל קען אַ ייד דערגרייכן צו אַזאַ געפיל. אַ ייד וואָס לעבט אין ישראל און שאַפט ווי אַ פרייער ייד און מענטש, ווען ער שרייבט וועגן וועלכער ניט איז פראַגע, וועגן דעם לעבן פון יידן און נישט־יידן, וועגן וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור,

וועט זיין שרייבן זיין נישט ווייניקער אוניווערסאַל ווי פון דעם ייד וואָס לעבט אין גלות — אין יעדן גלות, אפילו אין דעם בעסטן. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרט איז ער געצוווּנגען, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, זיך צו־צופּאַסן צו זיין סביבה, ווייל דאָרט איז ער נישט קיין פרייער מענטש".

יידישע תפוצות — א שטענדיקע דערשיינונג

אין זיין רעפעראַט „די גרונט־פּראָבלעמען אין די פרייע גלות־לענדער" האָט **שלום באַראָן** *) אויסגעדריקט פאָלגנדיקע אויפפאַסונג פונם גלות:

„איך וועל מקדים־זיין און זאָגן: אויף וויפל מען קען פאָ־רויסזען, זיינען די יידישע תפוצות אַ סטאַבילע דערשיי־נונג, וואָס וועט עקזיסטירן דורות־לאַנג. איך זאָג נישט אַז זיי וועלן עקזיסטירן אייביק, קיינער ווייסט נישט וואָס איז אייביקייט, אָבער אַ סך דורות וועלן מיר נאָך האָבן תפו־צות. דאָס זעלבע בין איך זיכער, אַז מדינת ישראל וועט שטענדיק עקזיסטירן. דעריבער וועלן מיר שטענדיק האָבן — אַזוי ווי עס איז שטענדיק געווען — אַ דיאַלאָג צווישן מדינת ישראל און די תפוצות.

באַנוצנדיק אַ פּאַראַדאָקסאַל־אַנאַליטישן מעטאָד, וואָלט איך געזאָגט: לאָמיר אָננעמען, צום ביישפּיל, אַז אַלע יידן אין די תפוצות האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אונטערצוגיין, אַז עס וועט מער נישט זיין קיין יידנטום אין די תפוצות בכלל, אויסער די יעניקע, וואָס זיינען עולה קיין ישראל. און לאָמיר אָננעמען, אויף אַ מערער פּאַראַדאָקסאַלן אופן, אַז כדי אויסצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס, האָבן די יידן

*) פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק, אַ מחבר פון ביכער.

אומעטום באַשלאָסן זיך צו שמדן און אָננעמען די הערשנ־דיקע רעליגיע: צו זיין קאַטאָליקן אין די קאַטוילישע לענ־דער, פּראָטעסטאַנטן אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, מוסלמענער אין מוסלמענישע לענדער א.א.וו. אויב אַ יחיד וויל אַזוי טאָן, קען ער לייכט בטל ווערן אין דער מער־הייט. עס איז נאָך מעגלעך. אייגנטלעך,איז שוין היינט אַביסל שווערער זיך צו שמדן ווי מיט דורות צוריק, ווי אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט, ווען איינער האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און קיינער איז קעגן דעם נישט אַרויסגעטרעטן. היינט באַציט מען זיך מיט פּאַרדאַכט לגבי אַזאַ טיפּ, אפילו נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשמדט. דאָך קען נאָך אַ ייד ווערן ווי איינער פון דער מערהייט. אָבער ווען אַלע יידן מיט אַמאָל וואָלטן דאָס געטאָן, וואָלטן — לויט דער היסטאָרישער דערפאַרונג, — אין אַ נישט לאַנגער צייט אַרום אַנטשטאַנען נייע פאַר־באַנדן. עס וואָלט אַנטשטאַנען אַ קאַטויליש יידישע קירכע, אַ פּראָטעסטאַנטיש־יידישע קירכע און אפילו אַ מוסלמע־ניש־יידישער מעטשעט. דאָס הייסט: מיר וואָלטן געהאַט די אַלע באַזונדערע גרופּן, די אַלע מינדערהייטן פון די לענדער בלויז מיט דעם איינעם אונטערשייד, וואָס עס וואָלט אַוועק פון דער וועלט דער עיקר, די יידישע טראַ־דיציע, דער משיחישער געדאַנק, די יידישע רעליגיע און די אַלע זאַכן, וועלכע באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער מינדערהייט. אָבער יידן וואָלטן ווייטער געביל־דעט אַ באַזונדערן קיבוץ אויך אָן די דאָזיקע זאַכן. מיר האָבן דאָך שוין אַזוינס געהאַט אין דעם וויזיגאָטישן שפּאַ־ניע, אין שפּאַניע פון די מוכאדן, ביי די מאַראַנען אין שפּאַניע אָדער אין איטאַליע א.א.וו. יעדעס מאָל ווען יידן האָבן זיך געשמדט מיטאַמאָל ווי אַ גאַנצע גרופּע, האָבן זיי זיך נישט אַסימילירט צווישן די פעלקער".

ענגלישע אינטעגראציע צוזאמען מיט יידישקייט

די לאַגע פון דעם ענגלישן יידנטום שילדערט **בצלאל ראָט** ווי פאָלגנדיק אין זיין רעפּעראַט „די אידעאָלאָגיע פונם יידנטום נאָך דער אַסימילאַציע״:

„דאָס בילד וואָס מען האָט אונדז דאָ געשילדערט וועגן דער אַנטוויקלונג פונם אַמעריקאַנער יידנטום אין אַ פריי־ער אַטמאָספערע, איז אין אַ זייער גרויסער מאָס חל אויך אויף דעם ענגלישן יידנטום, זינט עס האָט זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד געפֿוי מיט 300 יאָר צוריק. די דאָזיקע נייע און פרייע אַנטוויקלונג פונם יידנטום, אָן סאָציאַלן אונ־טערשייד, איז פאָרגעקומען גלייכצייטיק פוןביידע זייטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, און אין עטלעכע הינזיכטן אין זייער ענלעכע אומשטענדן. דער אונטערשייד צווישן די ביידע קהילות ליגט אפשר אין דעם, וואָס דאָס אַמעריקאַ־נער יידנטום איז אַ טייל פון דעם אַמעריקאַנער פּלוראַליזם, בעת דאָס ענגלישע יידנטום איז אַריינגענומען געוואָרן אין שויס פון דער ענגלישער אייניקייט.

די יידן פון ענגלאַנד זיינען אויפגענומען געוואָרן מיטן גאַנצן האַרצן און אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ענגלישער אחדות. וועגן דעם אַלעם קענט איר געפינען אין אַ סך ביכער, וועלכע איך האָב געשריבן. אָבער דער עיקר העי־קרים באַשטייט אין דעם, וואָס אין די לעצטע 300 יאָר גייט אָן אין ענגלאַנד אַ סאָציאַלע עמאַנציפּאַציע און קיינ־מאָל איז דאָרט נישט אויפגעשטעלט געוואָרן קיין געטאָ. דאָרט זיינען נישט געווען קיין גוואַלט־אויסברוכן און די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע איז דאָרט אָפּגעלייגט געוואָרן ביז 1858 בלויז צוליב אַן איינפאַכער סיבה, ווייל די סאָ־ציאַלע עמאַנציפּאַציע איז פאָרגעקומען מיט אַ סך יאָרן פריער, און ווייל די פּאָליטישע שוועריקייטן זיינען געווען רעלאַטיוו אַ סך קלענער.

אין די לעצטע הונדערט יאָר האָבן די ענגלישע יידן איינ־

גאַנצן זיך אינטעגרירט אינם ענגלישן לעבנס־שטייגער און דאָס ענגלישע יידנטום האָט פון זיך אַרויסגעגעבן פּאָלי־טיקער, מלוכה־מענער און פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער ענגלישער פּאָ־ליטיק.

דאָ דאַרף אָנגעצייכנט ווערן אַ וויכטיקער און עיקרדיקער פּונקט. די דאָזיקע יידן, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ בכבודיקע ראָלע אינם ענגלישן עפנטלעכן לעבן, זיינען נישט געווען געצוווּנגען צו באַצאָלן פאַר זייער פּאָזיציע דעם פּרייז פון פאַרציכטן אויף זייער יידישקייט. דער אי־דעאַל פון די פראַנצויזישע יידן, צום ביישפּיל, איז געווען קרעמיע, וועלכער האָט געפירט אַ נישט־יידישן לעבנס־שטייגער און האָט דערצויגן זיינע קינדער נישט אינם גייסט פון יידן. אָבער דער אידעאַל פונם ענגלישן ייד איז, אויב איר ווילט, לאָרד סאַמועל, אַ זון פון אַן אַלטער און פאַרמעגלעכער יידיש־ענגלישער משפּחה (מען זאָגט, אַז אויך ענגליש בלוט פליסט אין אירע אָדערן), און פונדעסט־וועגן האָט ער געשיקט זיינע קינדער צו לעבן אין ארץ־ישראל. אַ טיפער תהום טיילט פאַנאַנדער די דאָזיקע ביי־דע טיפּן.

קעגן די אַנאַלאָגישע מיינונגען, וועלכע פאַרגלייכן איין גלות צום צווייטן, זאָגט זיך אַרויס בצלאל ראט ווי פאָלגנ־דיק:

„עס איז פאַלש צו רעדן וועגן ענגלאַנד און וועגן די פאַ־רייניקטע־שטאַטן אַזויווי מען רעדט וועגן רוסלאַנד, פּוילן און דייטשלאַנד. נאָך אַלעמען איז ענגלאַנד פאַר אונדז געווען אַ מאַמע און נישט קיין שטיף־מוטער. אָדער אויב איר ווילט, איז זי פאַר אונדז געווען אַ פלעגערין אינם גוטן זין פונם וואָרט. מיר, די יידן פון ענגלאַנד, און נישט נאָר די וואָס האָבן אַ נטיה צו אַסימילאַציע, נאָר אויך די וועלכע רעדן אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם און ציוניזם,

וועלן דאָס נישט פאַרלייקענען, נישט צווייפלען דערין אפילו אויף איין מינוט.

ווי געזאָגט, איז די דאָזיקע ענגליש־יידיש היסטאָרישע קהילה געבליבן טריי דער יידישער טראַדיציע. צום באַ־דויערן, האָט זי צו ווייניק אונטערגעשטראָכן איר קולטור און דעריבער האָט זי צו שטאַרק באַטאָנט די צדקה־אַר־בעט. אמת, די אַלטע קהילה גוססט, אָבער עס זיינען נאָך פאַראַן טרייע פאַרשטייער פון דער דאָזיקער אידעאַלער קהילה, וועלכע באַאיינפלוסן נאָך שטאַרק דאָס יידישע לעבן אין ענגלאַנד און זיינען נאָך טריי דער יידישער ירושה — טריי צו יידישקייט און צו יידן גלייכצייטיק. אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַ שטאַרקער געפיל פון „כלל־ישראל", וואָס איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער צייט, ווען עס האָט זיך געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן פרעמ־דע און אין אַלע אַנדערע שווערע צייטן, וועלכע דאָס יידי־שע פאָלק האָט איבערלעבט. מיר דוכט, אַז דאָס איז די איינציקע מדינה אין דער וועלט, ווו יידן האָבן קיינמאָל נישט געפּרווט זיך אַרויסצודרייען פונם נאָמען ייד און האָבן אויך קיינמאָל נישט געפּרווט פאַרדעקן זייער צוגע־העריקייט צו יידן און צו יידישער רעליגיע. דאָס איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו די דאָזיקע אָפענע דבקות אין יידישער רעליגיע איז נישט געוועזן קיין אויסרייד, כדי צו פאַרליי־קענען די יידישע אחריות. צי איר ווילט צי נישט, רעדט דער ענגלישער ייד ענגליש, ער באַזוכט אַן ענגלישע שולע און קוקט זיך צו צו טעלעוויזיע־פּראָגראַמען — און דאָך איז ער אין גרונט געבליבן אַ ייד. דאָס איז קענטיק אפילו אין באַצוג צום ציוניזם דאָס ענגלישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך פּראָמינענטע פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע שוין אין איר סאַמע אָנהויב, און דווקא פון צווישן די עלטסטע און רייכסטע משפחות. ריכטיק, אין די יאָרן 1917—1918 (און אויך שפּעטער) איז דער עלטערער טייל פונם ענגלישן יידנטום אַרויסגעטראָטן

קעגן ציוניזם, מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אויך זיי זייַנען געבליבן טרייַע יידן".

7 כאַראַקטער־שטריכן פון היינטיקן גלות

דער רעפעראַט פון **אריה טאַרטאַקאָווער** *) האָט גע־שילדערט „די פיזיאָנאָמיע פון דעם היינטיקן גלות". ער האָט רעאַגירט אויף די באַקאַנטע מיינונגען פון יעקב קלאַצקין:

„קלאַצקין האָט גערעדט וועגן דער אַנטשטייונג פון צוויי פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע זיינען אַנדערש איינער פונם אַנדערן דערמיט, וואָס איינער איז טעריטאָריעל קאָנצענ־טרירט, און דער צווייטער איז צעוואָרפן. זיי אונטערשיידן זיך מיט דער פאַך־סטרוקטור, שפּראַך און קולטור, מיט דעם אופן פון פּאָליטישן דענקען א.א.וו. צי זיינען די דאָ־זיקע ווערטער נישט ריכטיק? ווער קען היינט אָפּלייקע־נען, אַז עס עקזיסטירן צוויי גרונט־טיפּן אינם לעבן פון פאָלק? אמת, מען קען אַרויסטרעטן קעגן דעם, און טענה'ן אַז נישט די פאַקטן באַשטימען, נאָר דער באַוווּסטזיין פונם פאָלק און זיין ווילן, און כל־זמן זיי זיינען פאַראַן, דראָט נישט קיין געפאַר פאַר דער איינהייט פונם פאָלק. אָבער די וואָס טענה'ן אַזוי, שאַצן פאַלש אָפּ די סאָציאַלע באַג־ריפן. אין דער געשיכטע פונם סאָציאַלן געדאַנק איז טאַקע געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז אַלץ ווערט באַשטימט דורך אויסערלעכע פאַקטן, סיי ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אייזערנער לאָגיק פון דער עקאָנאָמיק, וועגן דער אידייאישער דיסציפּלין און דענקען סיסטעם פון מאַרקסן, אָדער וועגן דער דעצידירנדיקער

---

*) פּראָפעסאָר פאַר סאָציאָלאָגיע אין העברעאישן אוניווערסיטעט, פון די פירער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אַ מחבר פון ביכער.

באַדייטונג פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ווי עס נעמט אָן דירקהיים. און עס זיינען געווען צייטן ווען מען האָט בולט אַרויסגערוקט די אָפּהענגיקייט פונם מענטשנס ווילן אָדער גלויבן, ווי דאָס האָט אויפגעפּאַסט מאַקס וועבער, וועלכער האָט אַלץ איבערגעדרייט און האָט אַנטדעקט די יסודות פונם קאַפּיטאַליזם אין דער רעליגיעזער אויפפאַסונג פונם קאַלוויניזם. היינט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר עקסטרעמע הנחות פון אָט דעם מין. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די אַנטוויקלונג ווערט באַשטימט, אי דורך אויסערלעכע פאַקטן, אי דורך דעם ווילן פון דעם מענטש. דער עיקר איז צו פאַרשטיין די וועגן פון דער אַנטוויקלונג, ווייל נאָר דאַן וועלן מיר האָבן פאַר זיך דאָס ריכטיקע בילד פון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט, סיי מיר וועלן זיי אויפנעמען באהבה, סיי מיר וועלן פּרוּוון זיי אויסצובעסערן אין דער אָדער יענער ריכטונג".

אריה טאַרטאַקאָווער רעכנט אויס זיבן סימנים, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם היינטיקן גלות.

„א. דאָס גלות־יידנטום שטעלט פאַר מיט זיך אַ באַזונדערן טיפּ אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועמענס באַגריפן און רעאַקציעס זיינען אין עטלעכע הינזיכטן אַנדערש ווי די באַגריפן פון דער געוויינטלעכער געזעלשאַפט.

ב. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט נישט איר אייגענע טראַדיציע.

ג. די גלות־געזעלשאַפט איז אַזאַ געזעלשאַפט, ביי וועלכער דער ווילן באַשטימט אָפט די וועגן פון איר אַנטוויקלונג.

ד. זי איז קאָנצענטרירט אַרום מדינת ישראל.

ה. זי פאַרמאָגט אַ סך סאָלידאַרישקייט און ווילן צו העלפן די יידישע ברידער אין די מרחקים.

ו. די גלות־יידן בילדן אַ געזעלשאַפט, וועלכע קען זיך נישט אַסימילירן.

ז. דער יידישער אינהאַלט וואָס בלייבט אין האַרצן פון

יעדן ייד ווייל ער איז אַ ייד״.

אריה טאַרטאַקאָווער שטעלט זיך אָפּ באַזונדערס אויף דעם פאַקטאָר פון ווילן אין דער גלות־געזעלשאַפט:

„אַמאָל ווירקט דער דאָזיקער פאַקטאָר מיט זיין גאַנצן גרויסן כוח, און אַמאָל מיט אַ רעוואָלוציאָנערער קראַפט. פאַראַן אָבער צייטן ווען ער ווערט באַשרענקט און דאַן לאָזט זיך שטאַרק פילן די סטיכישע אַנטוויקלונג. פון אַט דיביידע גרונט־הנחות דאַרפן מיר צוגיין צו באַטראַכטן וואָס עס דערוואַרט אונדז אין גלות: צוערשט פון דער הנחה, אַז די סטיכיע וועט טאָן איר אַרבעט; שפּעטער פון דער קעגנגעזעצטער הנחה, אַז דער ווילן פון דעם מענטש וועט באַשטימען דעם גאַנג פון די ענינים. אין די ביידע פאַלן צוזאַמען דאַרפן מיר אונטערזוכן, נישט נאָר דאָס, וואָס עס דערוואַרט די יידן אין גלות, נאָר אויך זייער באַציונג צו זייער וויטן היימלאַנד.

עס איז קיין ספק נישט וואָס נוגע דער טענדענץ לויט דער ערשטער טעזע. סטיכיע אין יידישן לעבן אין גלות מיינט — זיך דערווייטערן פון יידישקייט און מערער זיך אַסימילירן. און הגם דאָס הייסט נישט זיך צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אויך נישט פולקאָם איבערנעמען איר קולטור, פירט זי דאָך צו קולטורעלער און מאָראַלישער צעברעקלונג. וואָס שייך די באַציונגען צווישן דעם גלות און ישראל, באַדייט די סטיכיע אַן אָפּ־שוואַכונג פון די פאַרבינדונגען. אַ ציבור, וואָס געפינט זיך אין אַ פּראָצעס פון קולטורעלער צעברעקלונג, וועט נישט קענען אָפּהיטן זיין ליבשאַפט צו ציון.

אַנדערש זעט עס אויס לויט דער צווייטער הנחה. אין דעם פאַל באַדייט דער ווילן פון דעם פאָלק — פּאָזיטיווע באַציונג צו דעם לעבן, וועלכע איז בולט ביי דעם טראַדי־ציאָנעלן יידנטום ווי אַ שטרעבונג צו אַ לעבן מיט אַ באַשטימטן אינהאַלט. „לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה״ — מען דאַרף לעבן כדי צו פאַרווירקלעכן דעם גע־

געדאַנק, וועלכער איז דער יסוד פאַר אונדזער עקזיסטענץ. דאָס פאָלק קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ, כדי נישט אויס־געליידיקט צו ווערן פון זיין אינהאַלט און נישט ווערן אַ ציבור פון ראַנד־מענטשן אין קולטורעלער און מאָראַלי־שער הינזיכט. אַ סך וועגן פירן צום דאָזיקן ציל. און מיר וועלן דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע. אָט איז די שטרעבונג צו אַ יידישן המשך דורך אויפלעבן דעם יידישן גלויבן. די גרויסע באַדייטונג פון דער רעליגיעזער ברויזונג ליגט אין דעם, וואָס מיר באַגעגענען זי דערהויפּט צווישן דעם אַמעריקאַנער יידנטום, אָבער אירע סימנים אַנטפּלעקן זיך אויך אין אַנדערע לענדער. וואָס אָן אמת, די דאָזיקע ברוי־זונג האָט נאָך פאָרלויפיק נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין די נשמה־טיפענישן און זי האַלט זיך נאָך אָן בלויז ביי אויסערלעכע סימנים, ווי למשל: זאָרג פאַר דעם בית־כנסת, פאַר רעליגיעזן צערעמאָניאַל א.א.וו. דאָס מיינט אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך מער רעליגיעזע עסקנות ווי גלויבן, וואָס רוט אינעווייניק אין דער מענטשלעכער נשמה. אָבער אפילו אין דער דאָזיקער פאָרם איז נישט צו צווייפ־לען לגבי דעם קאָנסערוואַטיווער בנעוודיקן ווערט פונם רעליגיעזן פאַקטאָר. נאָכמער, מען דאַרף אָננעמען, אַז דער רעלי־גיעזער אינסטינקט וועט ממילא ברענגען די אויפלעבונג פון דער אמונה. אַ צווייטער וועג איז די שטאַרקע אויפ־מערקזאַמקייט וואָס ווערט אין די לעצטע יאָרן געגעבן דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער קולטור אין גלות".

צוזאַמען מיט דעם באַשטימט אריה טאַרטאַקאָווער:

„מעג דער קולטורעלער אָנשטרענג פון די יידן אין גלות זיין וועלכער ניט איז — און עס ווערט ווירקלעך געטאָן נישט ווייניק אויף דעם געביט אין אַמעריקע, אין אַרגענ־טינע, אין קאַנאַדע, אין דרום־אַפריקע און אין אַנדערע לענדער — וועט ער קיינמאָל זיך נישט קענען גלייכן מיט זיינע רעזולטאַטן צו דער קולטור, וועלכע איז אויפגעקומען

אויף דעם היימלאַנד־באָדן מיט טויזנטער יאָרן צוריק און ווערט איצט פונדאַסניי געשאַפן.
פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּרוּוון אָפּוואַרפן דעם דאָזיקן אַרגו־מענט און אונדז אויפקלערן, אַז געגנוי ווי מען האָט גע־קענט שאַפן דעם תלמוד אין בבל, אַזוי וועט דער יידישער געניוס קענען פונדאַסניי בליען אויף דער אַמעריקאַנער ערד, אָדער אין אַן אַנדערן לאַנד. דער דאָזיקער גערדאַנקען־גאַנג איז אַ פאַלשער. געוויס זיינען געשאַפן געוואָרן אין גלות מעכטיקע קולטור־ווערטן, אָבער זיי זיינען געשאַפן געוואָרן נאָר דאָרט, וו דער יידישער ציבור, אויך זיצנדיק אויף פרעמדער ערד, האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגן שיבת־ציון און נישט אויפגעהערט זיך צו גרייטן צו דער פאַרווירקלעכונג פונם טרוים. דער תלמוד בבלי איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די אָפּשטאַמיקע פון עלטערן, וועלכע זיינען געזעסן און אויך געוויינט ביי די נהרות בבל ווען מען האָט זיי געהייסן זינגען ציון־לידער אויף פרעמ־דער ערד. די לידער פון רבי יהודה הלוי זיינען געשריבן געוואָרן דורך אַ מענטש, וועלכער ווינענדיק אינם עק פון מערב, איז זיין האַרץ געווען אין מזרח, און וועלכער האָט נישט געהאַט קיין רו, ביז ער איז אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל זיך צו קייקלען אין איר שטויב.
די קבלה און חסידות זיינען דער גייסט־פּראָדוקט פון מענטשן, פאַר וועלכע די וועגן פונם ווייטן לאַנד זיינען געווען אַ סך נענטער צו זייער האַרצן, ווי די וועגן פון דעם לאַנד, ווו זיי האָבן געלעבט, וואָס איז נישט געווען זייער אייגן לאַנד. אַזוי אויך היינט וועט נישט אַנטשטיין קיין נייע קולטור מיט יסודות ענלעך צו יענער מיט טויזנטער יאָרן צוריק, סיידן מיט דער הילף פונם גייסט־געניוס פון די מענטשן, וועלכע לעבן אין זייער לאַנד, אָדער גרייטן זיך דאָס לאַנד צו בויען מיט זייערע צען פינגער. אָט די דאָזיקע איבערצייגונג וועט ענדלעך אַריינ־דרינגען אינם פאָלק, וועלכער ווערט באַנייט אין גלות,

און זי וועט זיין איינער פון די בכבוד'יקע פאַקטאָרן אינם גאולה־פּראָצעס, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט דורך דער קאָנצענטרירונג פון פאָלק אין זיין לאַנד".

עקאָנאמישע אנדערשקייט דערלאזט נישט נאציאנאלן אונטערגאנג

אַ סאָציאָלאָגישן און עקאָנאָמישן אַנאַליז פון היינטיקן גלות האָט געגעבן רפאל מאהלער *) אין זיין רעפעראַט „די עקאָנאָמישע יסודות פון דער היינטיקער יידנפּראָגע":

אין „אָנהויב פון 20־טן י.ה. זיינען, לויט אַ באַגלויבטער סטאַטיסטיק, 60% פון די יידן אין אַמעריקע געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע. ד.ה. אַז די מערהייט יידן איז געווען עקאָנאָמיש אַקטיוו.

לויט דער ציילונג פון 1931, זיינען 42% פון די יידן אין פּוילן געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, 37% ביי האַנדל. די צווייגן פון אינדוסטריע און האַנטווערק האָבן באַשעפטיקט מער ווי דער האַנדל און די פאַרמיטלונג. אין די פאַרייניקטע־שטאַטן איז דער פאַך־צוזאַמענשטעל פון די יידן שוין אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן געווען אַ פאַרקערטער אין פאַרגלייך מיט 1900. די מערהייט האָט זיך דאַן שוין דערנערט פון האַנדל און אין משך פון די 30 יאָר איז די צאָל פון פרייע פּראָפעסיעס פילפאַכיק געשטיגן. אַ קענטיקער יידישער אַרבעטער קלאַס איז פאַרבליבן בלויז אין ניו־יאָרק און אויך דאָרט האַלט ער אין איין פאַלן.

אַ פּאַראַלעלער פּראָצעס איז אין די דאָזיקע יאָרן פאָרגעקומען אויך אין ראַטנפאַרבאַנד, הגם מיט ענדערונגען, דיקטירט דורך די באַדינגונגען פון דעם דאָרטיקן רעזשים. דער פּראָצעס איז זייער באַלערנדיק רעכנענדיק זיך

*) פּראָפ', דער מחבר פון „יידישע געשיכטע אין די לעצטע דורות".

מיטן פאַקט, אַז אין די ערשטע 20 יאָר נאָך דער רעוואָ־לוציע זיינען יידן דערגאַנגען צו פּאָלוועדטיקע דערגריי־כונגען אויך אין איבערגיין צו אינדוסטריע און צו לאַנד־ווירטשאַפט. אפשר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונם גלות זיינען די יידן אַריינגעדרונגען אין עטלעכע צווייגן פון דער שווער־אינדוסטריע. אַרום 300 טויזנט יידן, 11% ביז 12%, זיינען אין אָנהויב פון די 30־ער יאָרן געווען באַשעפטיקט ביי לאַנדווירטשאַפט, סיי אין איינצלנע קאָלאָניעס, און סיי אין פאַרייניקטע קאָלאָניעס אין אוק־ראַינע און אין קרים. און אַט לויט דער ציילונג פון יאָר 1939, ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט די צאָל יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט זיך פאַרקלע־נערט ביז צו פינף אַ האַלבן פּראָצענט אָדער 170.000 נפ־שות, אַנשטאָט 300 טויזנט נפשות. נאָך דער מלחמה איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עלע־מענט אין דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. אויך אויפן געביט פון לאַבאַריזאַציע איז פאַרגעקומען אַ ירידה. אמת, מיר האָבן נישט קיין אָפיציעלע סטאַטיסטישע דאַטן, אָבער מיר ווייסן עס פון אַלע באַגלויבטע שילדע־רונגען, אַז דער קלאַס פון פיזישע אַרבעטער אינם סאָוויע־טישן יידנטום האָט זיך איינגעשרומפּן ביז צו אַ מינדער־הייט. די גרויסע מערהייט פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד דערנערן זיך פון באַאַמטנשאַפט, איינגעשלאָסן פאַרקויפע־רינס אין די נאַציאָנאַליזירטע געשעפטן און אין קליין־קרעמעריי, וועלכע איז אויך נאַציאָנאַליזירט, אָדער אין קראָמען וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן, ווי למשל, די „קאָמיס״־געשעפטן, וואָס פאַרקויפן כלערליי גע־שיר און אַלטע זאַכן — גלייך ווי די יידן וואָלטן זיך צו־ריקגעקערט צו די באַרופן פון זייערע עלטערן אין מיטל־אַלטער: געטראַנקען, ביכער, אַביסל בעלי־מלאכות און אַביסל גיבן זיך אָפּ מיט באַדינונגען. אין דער אינדוסטריע זיינען באַשעפטיקט בלויז יידישע אינזשינירן, טעכניקער,

אַרבעטס־פּאַרוואַלטערס א.א.וו. הכלל — דאָס יידישע פאָלק אין גלות איז אַראָפּגעפאַלן צו דער נידעריקער מדרגה וואָס שייך זיינע פּראָדוקטיווע עלעמענטן, און די דעפּראָ־דוקטיוויזאַציע גייט נאָך פאָרויס.

בנוגע לאַנדווירטשאַפט קען מען זאָגן אַן איבערטרייבונג, אַז אין דער גלות־געשיכטע איז נאָכנישט געווען אַזאַ צייט ווי היינט מיט אַזאַ קליינער צאָל יידן באַשעפטיקט ביי לאַנדווירטשאַפט. אפילו פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, ווען פאַר יידן איז געווען פאַרבאָטן צו קויפן באָדן, זיינען געווען דאָרפישע יידן אין פוילן, וואָס האָבן אויס־געמאַכט אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג, הגם די לאַנד־ווירטשאַפט איז נישט געווען זייער הויפּט־פרנסה; בעת היינט איז נישטאָ קיין איין לאַנד אין גלות, וווּ די לאַנד־ווירטשאַפט זאָל באמת זיין אַ וויכטיקער ווירטשאַפטלעכער צווייג פון די דאָרטיקע יידן.

און די מסקנה פון דער לאַגע איז:

.. פאַראַן אָביעקטיווע פאַקטאָרן, וואָס לאָזן אונדז נישט זיך אונטערוואַרפן דער אַסימילאַציע און דערגיין ביז צום סוף, ביז צו פולשטענדיקער צונויפשמעלצונג מיט דער נישט־יידישער סביבה. עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אַסימילאַציע און צונויפשמעלצונג. שפּראַכלעכע און אפילו קולטורעלע אַסימילאַציע און אפילו דאָס איבערנעמען דעם גויאישן שטייגער, איז נאָכנישט צונויפגיסונג מיט נישט־יידן, וואָס עס מיינט: נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג. צי איז פאַראַן אַ לאַנד, סיי אינם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, און סיי אינם קאָמוניסטישן רעזשים, וווּ די יידן זיינען דער־גאַנגען צו פולשטענדיקער צונויפגיסונג מיט דער סביבה? — ניין. אפילו אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ דער טעמפּאָ פון אַסימילאַציע אין משך פון 40 יאָר סאָציאַליזם איז געווען אַ גרעסערער ווי אין די זעלבע 40 יאָר אין קאַפּיטאַליס־טישע לענדער — אויך דאָרט איז נישטאָ קיין צונויפגי־

סונג מיט נישט־יידן. דאָס איז נישט קיין צופאַל. די סיבות שטעקן אין דער באַזונדערער עקאָנאָמישער באַזע, וועלכע עקזיסטירט נאָך פאַר די דאָרטיקע יידן. די ספּעציפישע עקאָנאָמישע סטרוקטור עקזיסטירט נאָך אויך היינט...״

יידישע עקזיסטענץ אין אמעריקע — נישט קיין אנאמאליע

און אָט האָבן מיר ווידער אַ דעפיניציע פונם אַמעריקאַנער גלות, געמאַכט דורך **אסקאר הענדלין** *), וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין רעפעראַט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער איז נישט און איז נישט געווען קיין ציוניסט. ער האָט דעפינירט די לאַגע פון די יידן אין די פאַריייניקטע־שטאַטן ווי פאָלגנדיק:

„די פּאָזיציע און דער סטאַטוס פון די יידן אין די פאַריייניקטע־שטאַטן זיינען ספּעציפיש, ווייל די יידן זיינען דאָרט נישט קיין מינדערהייט. אמת, די יידן אין אַמעריקע ציילן 5 מיליאָן אין אַ באַפעלקערונג פון 170 מיליאָן נפשות, עס איז אָבער נישטאָ קיין מינדערהייט ווען ס'איז נישטאָ קיין מערהייט. אין ענגלאַנד קען מען רעדן וועגן אַ יידישער מינדערהייט, ווייל מען קען דאָרט רעדן וועגן אַן ענגלישער מערהייט — מענטשן, וואָס זייערע עלטערן זיינען אַ סך הונדערטער יאָרן געזעסן אין דעם לאַנד, ווו זייער רעליגיע איז די רעליגיע פון דער מדינה און זייער דעפיניציע באַשטימט ממילא די דעפיניציע פון דער מינדערהייט. אין די פאַריייניקטע־שטאַטן איז נישטאָ קיין מערהייט אין אָט דער הינזיכט. נישטאָ קיין אַמעריקאַנער, וואָס זייערע עלטערן האָבן געלעבט אין אַמעריקע מער ווי מיט 350 יאָר פריער. אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין מלוכה־

---

*) פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע אין הערוואַרד־אוניווערסיטעט, פאַריייניקטע־שטאַטן, מחבר פון ביכער.

רעליגיע און נישטאָ קיין רעליגיע, וואָס איר צאָל נעמט אַרום מער ווי 50% פונם פאָלק. נישטאָ קיין עטנישע אָדער געזעלשאַפטלעכע גרופּע, וואָס בילדעט אַ מערהייט פאַר זיך. אין דער הינזיכט איז די לאַגע פון דעם ייִד אין אַמע־ריקע נישט קיין אָפּווייכונג פון דעם נאָרמאַלן צושטאַנד. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַלע גרופּן אין די פאַרייניקטע־שטאַטן פאַרמאָגן אַן ענלעכע אָפּווייכונג פון דעם נאָרמאַלן ד.ה. אַלע זיינען מינדערהייטן. אין דער אַמעריקאַנער גע־זעלשאַפט איז נישטאָ קיין מערהייט, וואָס נעמט אַרום פון איין זייט — אַ קענטיקן טייל פון דער באַפעלקערונג, און אַ מינדערהייט — פון דער צווייטער זייט. אין קעגנטייל, די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איז אַ צוזאַמענשטעל פון אַ סך פאַרשיידנאַרטיקע גרופּן, וואָס זייער צאָל איז אין די הונדערטער. די דאָזיקע גרופּן, יעדע איינע אויף איר שטיי־גער, געשטאַלטיקט אין אַ געווויסער מאָס דאָס קולטור־ און געזעלשאַפטלעך לעבן פון זייערע מיטגלידער. די עקזיס־טענץ פון אַ יידישער גרופּע אין די פאַרייניקטע־שטאַטן איז דעריבער אין דער הינזיכט נישט קיין אַנאָמאַליע. זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט".

אָסקאַר הענדלין האָט אויך דיסקוטירט מיט די יעניקע פון די אָנטיילנעמער, וועלכע האָבן אַנאַליזירט די לאַגע פון די גלותן לויט עקאָנאָמישע אָנגאַבן. ער האָט געזאָגט:

„מיר האָבן געהערט, אַז די לאַגע פון די יידן אין דער ווירטשאַפט איז נישט קיין נאָרמאַלע. איך בין גענייגט אָנ־צונעמען די דאָזיקע מיינונג לגבי די ווירטשאַפטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אייראָפּע און אפילו פאַר אַמעריקע ביזן אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט. וואָס אָבער וועלן מיר זאָגן וועגן אַ ווירטשאַפט, אין וועלכער דער אַרבעטער־קלאַס ווערט אַלץ קלענער, נישט נאָר ביי יידן, נאָר ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג? די צאָל איינ־

דוסטריע־אַרבעטער אין די פאַרייניקטע־שטאַטן איז היינט וויניקער ווי די צאָל באַאַמטע. אין די נאָענטע פינף יאָר, שאַצן אַפּ עקאָנאָמיסטן, וועט דער קלאַס פון אינדוסטריעלע אַרבעטער נאָך מער איינגעשרומפּן ווערן ביז צו וויניקער פון 20% פון דער באַפעלקערונג. אין דער ראַם פון אַן אַנטוויקלונג אין דער דאָזיקער ריכטונג קען אינגאַנצן פאַרשווינדן די אַנאָמאַליע אין דער לאַגע פון די יידן, וועלכע מאַכן אויס אַ נומערישע מינדערהייט. אינם פּראָ־לעטאַריאַט, ווייל די פאַרטיילונג פון די איבעריקע עקאָ־נאָמישע טיילן וועט אַניאָגן די יידישע סטרוקטור. נאָכ־מער, מיר זיינען געוווינט צו זען דעם פּראָלעטאַ־ריאַט ווי ער איז געווען אין 19־טן י.ה., און דערהויפּט ווי ער איז געשילדערט געוואָרן אין די סאָציאַליסטישע שריפטן פון יענער צייט. וואָס אָבער וועלן מיר זאָגן וועגן דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, וועלכער פאָדערט, גאַנץ ערנסט, און ער קען עס באַקומען אין משך פון צוויי יאָר, אַן אַרבעטס־וואָך פון פיר טעג, פון 32 שעה? וואָס האָבן מיר צו זאָגן וועגן די אַרבעטער אין דער פּיטסבור־גער שטאָל־אינדוסטריע, וואָס זייער הכנסה, נאָכן אָראָפּ־רעכענען די שטייערן, איז קלענער בלויז מיט 10% פון דער הכנסה וואָס עס האָבן יוריסטן און אַדוואָקאַטן אין דער זעלבער שטאָט?

אין אַזאַ עקאָנאָמיק, אין ליכט פון די שנעלע ענדערונגען און פון פאַרשטאַרקטער פּראָדוקטיוויטעט, וועלן פאַר־שווינדן אַ סך פון די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. עס קענען אַרויפשווימען נייע פּראָבלעמען נישט וויניקער און אפשר נאָך האַרבערע ווי די אַלטע. עס וועט אָבער נישט זיין דאָס פּראָבלעם פון אַנאָמאַליע. שוין היינט ווערט די אַרבעט אין דער אינ־דוסטריעלער אונטערנעמונג געמאַכט, נישט דורך דעם אַרבעטער־קלאַס ווי מיר האָבן אים געקענט אין דער פאַר־גאַנגענהייט, נאָר דורך טעכניקער, אינזשינירן, דורך אַן

אויפהאַלט־ און קאָנטראָל־אַנסאַמבל, און אין די לעצטע צען יאָר איז דער פּראָצענטזאַץ פון יידן אין די דאָזיקע פאַכן זייער שנעל געוואַקסן".

געזעלשאפטלעכער יידישער געטא אין אמעריקע

אַ גאָר אַנדערע שילדערונג פון דער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, איז געגעבן געוואָרן דורך **בצלאל שערמאן** *) אין זיין רעפעראַט „די יידן אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט":

„4/5 פון די אַמעריקאַנער יידן האָבן זוכה־געווען צו פּאָליטישער גלייכהייט שוין פון זייער געבורט אָן און זיי דאַרפן גאָרנישט קעמפן פאַר עמאַנציפּאַציע, ווייל פּאַקטיש האָט מען קיינמאָל ביי זיי נישט צוגענומען זייערע פּאָליטישע רעכט. די מדינה דאַרף געבן — און האָט זיי געגעבן — פּאָליטישע גלייכהייט ווי אַ נאַטירלעך רעכט. זיי האָבן אָבער געדאַרפט דערפאַר באַצאָלן יעדן פּרייז, אויסער דעם פּרייז פון נעמען אויף זיך דעם יאָך פון פליכטן, וועלכן עס טראָגט יעדער בירגער. דעריבער איז די אינטעגראַציע פונם יידישן קיבוץ אין דער פּאָליטישער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט געווען די טיפסטע אין פאַרגלייך מיט יעדן אַנדערן יידישן קיבוץ אין דער גאַנצער גלות־געשיכטע. אָבער די דאָזיקע אינטעגראַציע האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין איינגלידערונג אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. מצד דעם געזעץ האָבן די יידן אין אַמעריקע קיינמאָל נישט געהאַט קיין געטאָ; אָבער אין געזעלשאַפטלעכער הינזיכט זיינען זיי קיינמאָל נישט אַרויס פון די געטאָ־מויערן.

דער דאָזיקער געטאָ האָט אַרום זיך אינערלעכע מויערן,

---

*) רעדאַקטאָר און מחבר פון ביכער, וווינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

װעלכע זײַנען אױפֿגעשטעלט געװאָרן דורך די ייִדן גופֿא צוליב רעליגיעזע, פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע מאָטיװן. ער פֿאַרמאָגט אױך אױסערלעכע מױערן, װעלכע זײַנען געשאַפֿן געװאָרן צוליב די דיסקרימינאַציעס, װאָס די סבֿיבֿה האָט אײַנגעפֿירט כּלפּי די ייִדן — לגבי דעם װױן־אָרט, באַטײליקן זיך אין דער געזעלשאַפֿט, אין דער װירטשאַפֿט און אין דער קולטור. װי װײַט דאָס זאָל נישט אױסזען אױסטערליש, איז עס אַ פֿאַקט, אַז די דיסקרימינאַציעס זײַנען נישט געװען דװקא אַן אױסדרוק פֿון אַנטיסעמיטיזם, דאָך זײַנען זײ שטענדיק געװען אַ רעאַקציע פֿון נישט־ייִדן אױף דער אַנדערשקײט פֿון די ייִדן. אָבער אױך אַנטיסעמיטיזם האָט קײנמאָל נישט געפֿעלט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם איז נישט שטענדיק געװען אַן אימפּאָרט אַרטיקל, װי עס טענה'ן אונדזערע „שוץ־אָרגאַניזאַציעס".

װעגן די באַציונגען צװישן דעם ייִד און נישט־ייִד אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט האָט בצלאל שערמאַן געזאָגט װי פֿאָלגנדיק:

„דער דעצידירנדיקער פֿאַקט אין די באַציונגען צװישן ייִדן און נישט־ייִדן אין אַמעריקע איז דער, װאָס אױך דאָ זעט מען אין דעם ייִד נישט דעם יחיד, נאָר דעם זון פֿון אַ נאַציע; װאָס אױך דאָ אין אַמעריקע באַשטימען אײנגעװאָרצלטע פֿאָראורטײלן מער װי פֿאַקטישע צושטאַנדן; װאָס אױך דאָ פֿאַרשטעלט נישט אײנמאָל דער קרומער סטערעאָטיפּישער שפּיגל, װאָס װערט איבערגעגעבן פֿון דור צו דור, דאָס אמתע בילד פֿון דעם לעבעדיקן ייִד; װאָס אױך דאָ אין אַמעריקע פֿאַרמאָגן גרױסע טײלן פֿון דער באַפֿעלקערונג, אין געזעלשאַפֿטלעכער און מאָראַלישער הינזיכט, אַן אַנדערן צוגאַנג צום ייִד, װי צו יעדן אַנדערן בירגער. די אײַנגעבױרענע אין אַמעריקע זײַנען שטענדיק געװען קעגן די אימיגראַנטן, אָבער זײער קעגנערשאַפֿט איז געװען געצילט כּלפּי יענע, װעלכע קלאַפּן

נאָך אויף די אַמעריקאַנער טויערן און קעגן דעם אימי־גראַנט גופא. צייטנווייז אויך קעגן זיינע קינדער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, אָבער נישט לגבי זייערע קינדער. יענע זיינען שוין אָנערקענט געוואָרן אויך מצד ריינע אַמעריקאַנער.

אַנדערש איז עס לגבי יידן. זיי ווערן באַטראַכט דורך די אַמעריקאַנער געבוירענע ווי פרעמדע, אפילו ווען זיי האָבן שוין הינטער זיך אַ סך דורות פון אַמעריקאַנישקייט. יידן פירן האַנדל מיט נישט־יידן, לערנען אין די זעלבע שולן, באַטייליקן זיך צוזאַמען מיט זיי אין פּאַטריאָטישע און בירגערלעכע אַקציעס — אָבער דער פּערזענלעך געזעל־שאַפטלעכער קאָנטאַקט מיט די זעלבע פּאַרטנערן איז זיי־ער אַ באַשרענקטער. אַזוי איז געווען אין דער קאָלאָניאַ־לער עפּאָכע; אַזוי איז געווען די גאַנצע צייט ווען ס׳איז געאַנגגען די עמיגראַציע פון דייטשלאַנד; אַזוי איז געווען אין דער צייט פון דער מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָ־פּע און אַזוי איז עס אויך היינט. דער אויפוווקס פון די קוואַרטאַלן הינטער די שטעט האָט די לאַגע נישט גע־ענדערט. בכלל דאַרף מען זיין פאַרזיכטיק און נישט נבואה־זאָגן לגבי ישובים פון אָט דער קאַטעגאָריע.

אין יאָר 1820 האָט די רעגירונג פון די פאַרייניקטע־שטאַטן דערקלערט, אַז עס וועלן אַריבער 500 יאָר ביז די גאַנצע פרייע ערד וועט באַזעצט ווערן. עס זיינען נישט אַריבער קיין 70 יאָר און די רעגירונג איז געווען געצ־וווּנגען צו מודה־זיין, אַז עס זיינען נישטאָ קיין פרייע שטחים. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין משך פון דער צייט האָט אַמעריקע באַקומען נייע קאָלאָסאַלע שטחים פון טעקסאַס, ארינאָן און אַנדערע געגנטן, וועלכע זי האָט אָפּגעשניטן פון דער מעקסיקאַנער לאַנדשאַפט. עס דער־נענטערט זיך די צייט, ווען עס וועט נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר נייע פאַרשטעט און קוואַרטאַלן. שוין איצט מערקט זיך אַ קעגנערשאַפט צו פאַרכאַפּן יעדעס פריי שטיקל ערד

און עס פֿאַרבויען. די היינטיקע פֿאָרשטעט זיינען די מאַרגנדיקע קוואַרטאַלן פֿון דער אָרעמקייט. אַזוי צי אַזוי — שטיצנדיק זיך אויף מיין אָבסערוואַציע און אויף לעצטנס דורכגעפֿירטע פֿאָרשונגען, דערלויב איך מיר צו באַהויפּטן מיט זיכערקייט, אַז די געזעלשאַפֿטלעכע אָפּגעזונדערטקייט מצד די יידן פֿון זייערע אַמעריקאַנער שכנים איז אין די נייע פֿאָרשטעט און קוואַרטאַלן נישט קיין קלענערע ווי אין די גרויסע שטעט, נאָר פֿאַרקערט, צייטנווייז אויך אַ גרע־סערע. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פֿאַקט, וואָס ביי די אַמעריקאַנער יידן זיינען פֿאַראַן וויניקער געמישטע חתונות, כאָטש זייער צאָל וואַקסט כסדר, ווי אין יעדן אַנ־דערן יידישן מערבֿ׳דיקן קיבוץ. לויט דער אָפּשאַצונג, מאַכן אויס די געמישטע חתונות פֿון 7% ביז 12% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע חתונות, בעת אין דער שכנות׳־דיקער קאַנאַדע דערנענטערט זיך דער פּראָצענטזאַץ צו 12״.

יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָפּגעזונדערטקייט

אויך **אברהם ג. דוקער** *) האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּונקטן, וואָס טיילן אָפּ דעם ייד פֿון דעם נישט־ייד אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט:

„טראָצדעם וואָס די קולטור־אונטערשיידן צווישן יידן און נישט־יידן ווערן קלענער, זיינען דאָך די יידן בדרך כלל געזעלשאַפֿטלעך אָפּגעזונדערט פֿון די נישט־יידן. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך פֿאַרשיידענע פֿאָרשונגען (ווי צום ביישפּיל: די פֿאָרשונג פֿון Jewish Social Studies פֿון יולי 1956). עס איז מעגלעך, אַז יידן און נישט־יידן זאָלן זיך צוזאַמענטרעפֿן אין די פֿאָרשטעט אין באַציונגען

---

*) דעקאַן פֿונם אוניווערסיטעט פֿאַר יודאַיסטיק אין טשיקאַגאָ, אַ מחבר פֿון ביכער.

צווישן עלטערן און לערער; אין קליינע קהילות קענען יידן געהערן צו דער לייטונג פון אַן אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער הילף אָדער צום רויטן קרייץ. טראָצדעם באַ־טייליקט זיך נישט די מערהייט פון די יידן אין דעם אינ־טימען לעבן פון אָפּגעשלאָסענע סאָציאַלע גרופּן און זיי געהערן נישט צו די גאָלף־קלובן און צו די קאַנטרי־קלובס פון די נישט־יידן. דאָ נישט לאַנג האָט די אָפּטיילונג פאַר עפנטלעכע באַציונגען אין אַ וויכטיקער אַמעריקאַנער שטאָט באַהאַנדלט אַן אָנקלאָגע קעגן פאָראורטיילן לגבי יידן און קעגן דיסקרימינאַציעס אין די קור־ערטער. אַ בוך וועגן פאָראורטיילן וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צו־ריק, ווידמעט עטלעכע זייטן דער דיסקרימינאַציע פון יידן אין די נאַוויגאַציע־קלובן. אָט דער מאַנגל פון געזעלשאַפט־לעכע פאַרבינדונגען איז נישט פריי פון עקאָנאָמישע מאָ־טיוון. דער עיקר׳דיקער פּסיכאָלאָגישער רעזולטאַט איז דאָס אַריינלאָזן זיך פון די יידן אין טעטיקייטן, וועלכע זיינען נישט פאַרבונדן מיט אַ געוויסער גרופּע אָדער סעק־טע. עס איז באַקאַנט, אַז אַזעלכע אינסטיטוציעס און צוועקן זיינען שטאַרק פּאָפּולער צווישן באַשטימטע יידישע טיפּן און קלאַסן״.

נשמה־אסימילאַציע פונם אמעריקאנער ייד

אינם רעפעראַט פון **מרים סירקין***) אויף דער טעמע „די יידישע געזעלשאַפט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַ־טור וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן אין דעם טייל פון דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ, וואָס איז געווען געווידמעט דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אינם היינטיקן דור, ווערט

*) שרייבערין און רעדאַקטאָרין, פּראָפעסאָר פאַר ענגלישער ליטע־ראַטור אינם בראַנדייס־אוניווערסיטעט.

געשילדערט די לאַגע פון דעם היינטיקן אַמעריקאַנער ייד, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער אַקטועלער ליטעראַטור.
„די ראָמאַנען וואָס זיינען דערשינען אין די פופציקער יאָרן שפּיגלען שוין אָפּ אַ נייעם עטאַפּ אין דעם איינגלידע־רונגס־פּראָצעס פון דעם אַמעריקאַנער ייד אין זיין סביבה. אָט אַזאַ, צום ביישפּיל, איז „מערדזשורי מאָרנינגסטאַר" פון הערמאַן וווק, אַ בוך, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק גע־ווען אַ בעסט־סעלער און האָליווד פילמירט אים אָפּ אין אַ ריזן־פילם. ווייניק זיינען די ביכער, וועלכע האָבן אַרויס־גערופן אַזאַ שטאַרקן שטורעם אין דער יידישער געזעל־שאַפט אין אַמעריקע. פאַרגעשריטענע ליטעראַטור־קריטי־קער האָבן זיך אויף אים געוואָרפן מיט גרויס צאָרן, וועל־כער האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ גרעסערער שאַפונג. רבנים האָבן אים געטאַדלט ווי אַ פּאַסקוויל קעגן יידנטום. אין יעדן יידישן קרייז האָט מען אים ברייט באַהאַנדלט און די גאַנצע צייט האָט דאָס יידישע פּובליקום יעדע וואָך געקויפט טויזנטער עקזעמפּלאַרן.
דאָס דאָזיקע בוך איז אַביסל אַ סאַטירישע שילדערונג פונם יידישן מיטלקלאַס אין אַמעריקע. ער ווייזט ווי די יידן קלאַמערן זיך אין דעם קאָנווענציאָנעלן, זייערע באַג־רענעצטע באַגריפן, דאָס פעלן פון רעליגיעזן געפיל אפילו ווען מען ריכט אָפּ די אויסערלעכע רעליגיעזע צערעמאָ־ניאַלן — קורץ געזאָגט: ער שילדערט דעם ענג־האַרי־זאָנטיקן מענטש, דעם מענטש מיט גראָבע באַגערן.
אָט דאָס איז די קאָנווע, אָבער דאָס הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר דער העלדין פון דעם בוך איז — ווי אַזוי קען אַ מיידל געפינען איר וועג צום גליק? אפשר אין אַרבעט און אין עקנאָמישער זעלבשטענדיקייט? און צי דאַרף זי דורכברעכן די פאַרצוימונגען פונם אָנגענומענעם מאָראַל, אָדער זי זאָל בעסער גיין אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג? מערדזשורי קלייבט אויס דעם וועג פון אויפבויען אַ משפחה און האָדעווען קינדער. צום סוף זעען מיר זי

ווי אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין „הדסה", וואָס לעבט אַ באַקוועם לעבן אין איינעם פון די קוואַרטאַלן אויסער דער שטאָט. דאָס בוך איז כלומרשט אַ יידישער „מיין סטריט" און מערדזשורי איז נישט ווייט פון קאַראָל קאַניוקס, די העלדין פון סינקלער לואיס.

די סטרוקטור פונם בוך איז אַ מגושמ'דיקע. די שילדע־רונג פון די פיגורן — אַן אויבערפלעכלעכע, און דער סטיל — אָן קיין שום גלאַנץ. מען דאַרף אָבער נישט פאַרליי־קענען, אַז אין דעם בוך איז פאַראַן אַ געוויסע מאָס רעאַ־ליזם וואָס איבער דער פלאַך. דאָס בילד וואָס דער מחבר גיט אונדז פון דעם שטייגער און פון דער סביבה פונם ייד, וועלכער געהערט צום אַמעריקאַנער מיטלשטאַנד, איז אַ געטרייע פאָטאָגראַפיע אין דער זעלבער מאָס, וואָס עס איז אויך אַ פאַרקרימטע קאַריקאַטור.

אָבער די הויפּט־באַדייטונג פונם בוך, לויט מיין מיינונג, ליגט אין דעם, וואָס ער ווייזט די פולע ענלעכקייט פון דער דאָזיקער יידישער לעבנס־סביבה צו דער פּאַראַלע־לער גויאישער לעבנס־סביבה. מיט אַלע אירע באַגערן און מאַניערן איז מערדזשורי אַ טיפּיש אַמעריקאַנער מיידל פון אַ באַשטימטן קלאַס. די נישט־יידישע אַמעריקאַנער פּרויען האָבן געקויפט דאָס בוך אין צענטליקער טויזנטער עק־זעמפּלאַרן — נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזוכט עפּעס פרעמדעס און עקזאָטישעס, אָדער ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַרשטיין אַ נישט באַקאַנטן פאַר זיי שטייגער, נאָר אין קעגנטייל, ווייל זיי האָבן לייכט געקענט פולשטענדיק זיך אידענטיפיצירן מיט די פּראָבלעמען פון דער העלדין, וועלכע זיינען בכלל נישט קיין יידישע פּראָבלעמען. דאָס צופּאַסן זיך צו דעם אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן מוס־טער איז אַזוי פולקאָם, און דער מאַנגל פון ספּעציפישע יידישע ווערטן איז אַזוי בולט, אַז די הויפּט־פיגורן האָבן נישט קיין שום באַזונדערן מהות. מערדזשורי וואָלט גע־קענט זיין יעדע יונגע און אַנשטענדיקע עקרת בית, וועל־

כע האָט שוין לאַנג געטרוימט וועגן א זעלבשטענדיקן לעבנס־וועג. הגם דער מחבר אונטערשטרייכט איר נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג, אינטערעסירט זיך נישט דערמיט דער אַלגעמיינער לייענער, אפילו ווען צווישן יידן רופט עס אַרויס פּאַרדרוס. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז עס דאָס ערשטע מאָל ווען אַ יידישע העלדין פון אַ דערציילונג ווערט אויפגענומען דורך דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט ווי אַ טיפּיש אַמעריקאַנער מיידל, און נישט ווי אַן אויסטערלישע, אַפּשרעקנדיקע אָדער ראָמאַנטישע פיגור, אַ זעלטענער אויסנאַם. אין דעם זע איך די וויכטיקייט פון דעם בוך. פון דעם ווערט קלאָר, אַז די נשמה־אַסימילאַציע פונם אַמעריקאַנער ייד, וועלכע איז אמת נאָך נישט געפּאָרט מיט פיזישער אַסימילאַציע, איז אַזוי ווייט פאַרגאַנגען, אַז די באַגילדעטע געטאָס, אין וועלכע עס כאַפּן זיך אָן די יידישע קהילות אין אַמעריקע, זיינען געוואָרן געטרייע קאָפּיעס פון דער נישט־יידישער וועלט. דאָס בוך ווייזט קלאָר דעם פּאַראַדאָקס פון דער עקזיסטירנדיקער פיזישער אָפּזונדערונג צוזאַמען מיט דער אַבסאָלוטער גייסטיקער אַסימילאַציע".

יידישע פיזיאָנאָמיע אין ארגענטינע

די לאַגע פון אַן אַנדערן יידישן קיבוץ — פונם יידישן קיבוץ אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, ווערט געשילדערט דורך **חיים פינקעלשטיין** *):

„יידן האָבן בייגעטראָגן און ברענגען נאָך היינט אַ גרויסן בייטראַג צום עקאָנאָמישן אויפבלי פון אַרגענטינע. אָבער אין דעם עקנאָמישן פּראָצעס בלייבן זיי אַ באַזונדערער אָפּגעשלאָסענער סעקטאָר. כ'ווייס נישט, צי קען מען עס

*) דירעקטאָר פון דער שלום־עליכם גימנאַזיע אין בוענאָס־איירעס.

אָנרופן גערטאָ, אָבער די אַרגענטינער יידן לעבן אין אַ באַשטימטער איזאָלאַציע פון דער סביבה. דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר אויף דעם ערשטן יידישן דור, נאָר אויך אויף דעם צווייטן און אפילו אויף דעם דריטן דור. דאָ איז נישט בלויז אַן ענין פון שפּראַך. די וואָרצלען שטעקן אין טיפע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן, וואָס אַזעלכע זיינען אונדז באַקאַנט אין אונדזער לאַנגן גלות.

צי איז אין אַרגענטינע דאָ אַנטיסעמיטיזם? אין דער וועלט זיינען מיר אַזוי צוגעוווינט צו אָפענער, ווילדער און אַכ־זריות׳דיקער שנאת ישראל, אַז אַ שטויב פון שנאת ישראל גייט פאַר אונדז שוין פאַרביי — און מאַכט נישט קיין שום איינדרוק. מען קען נישט טענה׳ן קעגן אָפענעם אַנטי־סעמיטיזם, און יעדע איבערטרייבונג קען בלויז ברענגען שאָדן — אָבער אַנטיסעמיטיזם עקזיסטירט. דער עצם פאַקט, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין פעראָנס צייטן, איז פאַראַן אַ פּאַראַגראַף, וועל־כער פאַרבאָט אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־האַס, באַווייזט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ דערשיינונג. די סיבות וואָס האָבן געשטויסן פעראָנען אַריינצונעמען אין דער קאָנסטיטוציע אַזאַ פּאַראַגראַף אינטערעסירן אונדז איצט נישט. עס איז אָבער זיכער, אַז מען נעמט זיך נישט צו פאַרבאָטן אַ זאַך וואָס איז נישט בנמצא...

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די יידן אין אַרגענטינע זיינען בירגער מיט אַלע פּאָליטישע רעכט. די קולטור פון דער מדינה איז אויך די קולטור פון די יידן, דערהויפּט פון די דאָרט־געבוירענע. די שולע, די מיטל־שולע און אפילו דער אוניווערסיטעט זיינען אָפן פאַר אַלע בירגער און מען קען דאָרט שטודירן אומזיסט. דאָס איז חל בעיקר אויף דעם יונגן יידישן דור, וועלכער האָט נישט געקענט דאָס שטעטל, זיין טראַדיציע, פאַרשטייט נישט אונדזער טראַ־דיציאָנעלן גייסט און דאָס זאָגט אים נישט דאָס זעלבע, וואָס עס האָט געזאָגט צו זיין פאָטער און זיידע. די שפּראַך

און קולטור פון דער מדינה זיינען זיין שפּראַך און קולטור. די יידישע קולטור אויף וויפל אַ באַשטימטער טייל, און צום באַדויערן, נישט קיין גרויסער טייל פון דער יוגנט (קרוב צו 35%) ווערט אויף איר דערצויגן — איז שוין נישט זיין איינציקע קולטור. העכסטנס לעבט ער אין צוויי וועלטן און די פרעמדע וועלט איז פיל וואַגיקער און דעצידירנדי־קער לגבי דער יידישער וועלט. דער פּראָצעס פון אַסי־מילאַציע איז היינט אַ סך אַ לייכטערער ווי אַמאָל. עס איז שוין דאָ געזאָגט געוואָרן: היינט רעדט מען וויניקער וועגן אַסימילאַציע און מען אַסימילירט זיך פּאַקטיש מערער. אַזוי איז עס אין אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. מען דאַרף אפילו נישט ברענגען די טויפונג־צייגעניש. קיינער דאַרף אפילו נישט דערקלערן, אַז ער איז אַן אַסימילאַנט. מען באַציט זיך דערצו לייכט — און דאָס איז די גרויסע זאָרג — ווייל גרויסע טיילן פונם נייעם דור, דערהויפּט אין די קליינע און פּאַרוואָרפענע ישובים, האָבן נישט וואָס צו פּאַרלירן".

חשבון הנפש פונם היינטיקן ייד

וועגן דעם גלות אין פאַרגלייך מיט דעם ייד אין גלות האָט דער דיכטער **ה. לייוויק** געהאַלטן פאָלגנדיקע גערירטע רעדע:

„היינט — נאָך אַזאַ אומגליק, ווי ס'איז געווען פאַר אונדז דער היטלער־אומגליק, וואָס ס'איז גאָר ניטאָ נאָך דאָס וואָרט ווי צו באַצייכענען אָט דעם אומגליק. ניטאָ נאָך דאָס וואָרט און וועט אויך ניט זיין אַזוי שנעל וויפיל ווערק און לידער מיר האָבן ניט געשריבן וועגן דער קאַטאַסטראָ־פע, איז זי נאָך אַלץ ניט באַשריבן און ניט באַגריפן. היינט — נאָך די צוויי וועלט־מלחמות, אויף דער שוועל פון דער סטראַשענדיקער דריטער אַטאָם־מלחמה; היינט — נאָכן

אויפקום פון אונדזער מדינת ישראל, וואָס אַט באַלד ווערט זי שוין צו מזל און צו ברכה אַ צען־יאָריקע, און שטייט נאָך אַלץ אין דער ערשטער פאַזע פון איר העלדישן ראַנגלען זיך פאַר אויפבוי, פאַר קיום און פאַר שלום, שטייט נאָך אַלץ אַ געצווונגענע צו זיין באַוואָפנט, צו זיין זעלנע־ריש, אָנשטאָט צו זיין, ווי ס׳איז איר טיפסטער באַגער און ווי ס׳איז אונדזער אַלעמענס באַגער, הונדערט פראָ־צענט כולו־פרידלעך, כולו משיחיש. יידן בויען אַ מדינה ווייל זיי זיינען אי פאַרפאָלגטע, אי גערעכטע און די הויפט־זאַך: גערעכטע. און זיי בענקען צו זיין הויך צדקות׳דיקע. אַ פאָלק אין פולער פרייהייט און אין גרויסן צדק. דאָס איז דער זין פון ישראל. היינט — ווען מיר נעמען אָן ווי אַ געשיכטלעכן, גרויס־טראַגישן, און אַמאָל ווי אַ מיסטישן, צייכן דעם פאַקט, וואָס אַנטקעגן די אומ־געקומענע זעקס מיליאָן יידן אין מזרח־אייראָפּע איז גע־שען אַן אויפקום פון איבער זעקס מיליאָן יידן אין די אַמעריקעס.

היינט — ווען מדינת ישראל מאַכט דורך די גרעסטע דראַ־מע פון אַ קיבוץ־גלויות, — און דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק אין אַמעריקע באַטייליקט זיך אין דער דראַמע נאָר בלב און ניט בלב ונפש. אַ משונה׳דיקע גע־שיכטלעכע פאַקטישקייט, אָבער אַ פאַקטישקייט, וואָס מיט געשרייען פון כעס און טאַדלונגען קאָן מען זי ניט אָפּ־שרייען, און אויך נישט פאַרשרייען. מען מוז זיך רעכענען מיט איר. מען מוז זי באַנעמען. מען דאַרף זי אויפפאַסן דורך איר אייגענער גורל׳דיקייט.

היינט — ווען אויף אַ הינטערגרונט־פאָן פון אַ יידישן עבר, וואָס האָט געהאַט אַן איינהייטלעכן פנים, אַ צענויפ־געגאָסענע גאַנצקייט, אַן איינגעשטעלטן נוסח פון אַן אָנ־גענומענעם רעגלאַמענטירטן לעבנס־שטייגער, זיינען מיר אַריין אין אַ הווה, וואָס האָט, נאָכן אָנהייב פון צוואַנציק־סטן יאָרהונדערט, צעשפּליטערט אונדזער רעליגיעז־פרומע

ראָם, אַזוי, אַז זי קען זיך מער ניט צונויפשטעלן צוריק, אָפּגעשאַפּט די פון דורות איינגעשטעלטע רעגלאַמענטירונג און אָנגענומען לעבנס־פאָרמען פון די אַרומיקע פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן, אָבער די פאָרמען גיבן אונדז ניט קיין זעלישע רו און קיין זעלישע גאַנצקייט, וויפל מיר זאָלן זיך ניט איינשמועסן, אַז מיר האָבן נאַציאָנאַלע רו און שעפערישע גאַנצקייט אין די פונאַנדערגעוואָרפנקייטן אונדזערע איבער דער וועלט, — וויפל מיר זאָלן זיך ניט איינשמועסן, אַז מיר האָבן עס אפילו אין די דעמאָקראַטי־שע רעזשימען, ווי אַמעריקע, העלפט עס אונדז ניט, און ס'ברענגט אונדז ניט קיין אמת'ע נשמה־רו. די יידישע נשמה איז אין דער פרייהייט פון דעמאָקראַטיעס צערו־דערט היינט מער ווי ווען ניט איז. אָפּגערעדט — די יידי־שע נשמה אין דעם קלעם פון דיקטאַטורן. דאָרט ווערט זי אינגאַנצן דערשטיקט.

יאָ, היינט — אין אָט די צושטאַנדן — איז גוואַלדיק גרויס פאַר יעדן פון אונדז, ווי פאַר יעדן יידישן יחיד, אָפּצוגעבן זיך חשבון הנפש — צו שטיין פאַר אַן אייגענעם באַרו־פענעם רבים, ווי מען שטייט פאַר אַ שפיגל, און אָפּשפּיג־לען אין אים דאָס אייגענע פנים, און דער שפיגל זאָל זיין רייך און לויטער, און אונדזער יעדנס אָפּשפּיגלונג זאָל זיין אמת'דיק און ברענגען דערלייכטערונג, פאַרשטענדעניש, התקרבות און טרייסטונג. דאָס וואָלט באַדאַרפט זיין דער תוך פון אַזאַ צענויפקום: פאַרשטענדעניש. טרייסטונג. התקרבות. אויב ער זאָל דאָס ניט ברענגען, איז זיין ציל ניט דערגרייכט.

מוז איך זאָגן, צו מיין באַדויערן, אַז אָט דער ציל איז נאָך ניט קיין סך דערגרייכט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קאָנ־פערענץ. אפשר וועט עס זיין אַן אָנרעגונג צו אַ צווייטן צענויפקום, וואָס וועט זיין אין זיין כאַראַקטער גאַנצער, ע׳טילער, באמת עיונדיק. דערווייל איז דער כאַראַקטער פון איצטיקן כינוס געווען מערסטנס (איך זאָג מערסטנס, ווייל

עס זיינען געווען אויך אויסנאַמען) צו ווייניק עיונ׳דיק. צו ווייניק עניוות און פאַרשטענדעניש פאַרן צווייטן. צופיל איבערגעשריגענע באַטאָנונגען, סיי אין געוויסע פּאָליטישע פאָרמולירונגען, סיי אין געוויסע ליטעראַרישע פאָרמולירונגען. — באַטאָנונגען וואָס פּאַסן ניט פאַר אנשי־רוח.

עס איז דאָך אָבער ניטאָ היינט אויף דער וועלט קיין מענטש, וואָס זאָל זיך אַזוי נויטיקן אין ברודער צו ברודער פאַרשטענדעניש, ווי עס איז היינט דער ייד. דער יחיד־ייד. — צי ער איז אַ פרומער, צי אַ וועלטלעכער. — ניטאָ קיין איין פאָלק אויף דער וועלט, וו עס איז אונדזער פאָלק היינט, וואָס דער איינצלנער מיטגליד זיינער זאָל זיין אי־בערפולט מיט אומרו, מיט נשמה־קאָנפליקט, מיט סתירות, מיט באַוווסטזיין פון אַן אומגעוויינלעכן, בלוטיקן, נסיונ׳־דיקן גורל, ווי עס איז דער יחיד־ייד היינט.

ניטאָ אויף דער וועלט היינט קיין מענטש, ווי עס איז דער יידישער יחיד היינט, וואָס זאָל אין איינער און דער זעל־בער צייט אי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון נאַ־ציאָנאַלער גאולה, אי האָבן געבליבן שטיין פנים אל פנים מיט אַ נייעם עקידה־נסיון, אי מיטאַמאָל דערפילן די וועלט אַרום זיך ווי אַ מורא׳דיקן תהום, וואָס לאָקט אים אַריינ־צושפּרינגען אין אים און פאַרלאָרן ווערן אין אים.

יאָ, אין איינער און דער זעלבער צייט, אי זיין אַן אויס־געלייזטער, אי זיין אַ פאַרלוירענער, צעטומלטער, אי נאָך אַלץ פילן זיך ווי אַ רעטעניש פאַר דער וועלט און נאָך אַ גרעסערע רעטעניש פאַר זיך אַליין. און דאָס שליסט ניט אויס אויך דעם יחיד אין ישראל. ווייל קיינמאָל האָט דער ייד ניט געפילט דעם סוד פון זיין זיין — סיי דעם וווּנדער און סיי די אומרו פון זיין זיין, ווי ער פילט עס אין די היינטיקע טעג. — טאַקע אָט דאָ אויף דער ערד פון ירו־שלים, — טאַקע אָט דאָ, ווען אונדזער פוס רירט אָן די פון אייביק פאַרהייליקטע ערד — טאַקע אָט דאָ פלאַקערט אויף פאַר אונדז גאָר אויפסניי דער סוד און די טראַגיק

פון אונדזער זיין אויף דער וועלט. דער סוד און די טראַגיק פון אונדזערע מהות׳דיקע ווידערשפּרוכן, וואָס זוכן אַ תיקון; דער סוד פון אונדזערע וווּנדערלעכע, אָבער בלוטיקע טויזנטער יאָרן שוועבן איבער דעם פּנים פון דער ערד; דער סוד פון אונדזערע וואָגלענישן איבער אַזויפיל גלות׳ן; דער סוד פון אונדזערע קאַמפן, פון אונדזערע גאַנגען אויף קידוש השם, פון אונדזערע אויפשטאַנדן, פון אונדזערע משיחישע מרידות און דורכפאַלן; דער סוד פון אונדזערע גרויליקע איינזאַמקייטן און גאָטזעאונגען; דער סוד פון אונדזער וווּנדער־מענטשן אין די פינצטערע אָרעמקייטן; פון אונדזערע וואַסער־טרעגערישע ל״ו־אָוניקעס, אין וועמענס זכות די וועלט האָט קיום; פון אונדזערע גאונים, פון אונדזערע גלות־אַפּריכטער און גלות־לייטערער, וואָס האָבן דערהויבן דעם אַקט פון אָפּריכטן גלות צו קדושה; דער סוד פון אונדזער גיין אויף באַריקאַדן און אויף תליות; דער סוד פון אונדזערע שלמה מולכוס און הירש לעקערטס; פון אונדזערע בעל־שם׳ס און יוסף־חיים ברענערס; דער סוד פון אונדזערע טרומפּעלדאָרס און אַנילעוויטשעס, פון אונדזערע ווילנעס און אונדזערע געשיכטע־ענדערנדיקע עין־חרוד׳ס.

דאָ, אויף דער ערד פון ירושלים, זאָג איך — צום וויפּלסטן מאָל שוין: — גלות איז שלעכט. מיאוס. און מיר דאַרפן פון אים אויסגעלייזט ווערן. אָבער דער ייד אין גלות איז געווען אַ וווּנדער, אַ שיינקייט, און ס׳איז אַ שטאָלץ צו שטאַמען פון אַט דער שיינקייט. אָרעמקייט איז טונקל־פינצטער, אָבער דער אָרעמאַן איז לויטערקייט; תפיסה איז כולו־חושך, אָבער דער אַרעסטאַנט, אויב אַן אומשולדיקער, איז כולו דערהויבונג. אינקוויזיציע איז רציחה, מאַרדונג און שענדונג, אָבער דער ייד אין די קאַמערן פון דער אינקוויזיציע איז געווען הייליק.

צוליב וואָס זאָג איך עס? כדי אונטערצושטרייכן דעם מהות פון אונדזער אייגנאַרטיקער ווערטיקייט דורך טויזנ־

טער יאָרן וואָס טאָר ניט אין קיין סיטואַציע דורך אונדז אַליין געמינערט ווערן, אָדער, חלילה, פאַרלייקנט ווערן.
איך ציל דערצו, כדי אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, מיין טיפסטע אמונה, אַז דער יסוד פון דעם לעבן פון יעדן ייד, סיי אין מדינת ישראל, סיי מחוץ מדינת ישראל, איז נישט שלילה, נאָר חיוב. ניט פאַרלייקענונג, נאָר באַיאָאונג. דער יסוד און סוד פון אונדזער קיום איז שטענדיקע אינטימע פאַרבינדונג און המשך. — טאָר קיינמאָל ניט אויפגעפאַסט ווערן אין טערמינען פון שאַרפער אָנהייבערישקייט, פון בראשית׳דיקייט. נאָר איינמאָל איז געזאָגט געוואָרן דאָס וואָרט בראשית, — דאָס איז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. זינט דעמאָלט איז אַלץ אין פּראָצעס פון שטראָמי־קייט, פון ליניעס וואָס ציען זיך און וואָס טראָגן אין זיך די גרויסע בענקשאַפט צו שליסן זיך אין קרייזן. קרייז איז, נאָך מיין מיינונג, די העכסטע דערגרייכונג וואָס ווערט אָנגערירט דורך די פליגל פון גאָט. — איך וויל האָפן, אַז אונדזער יידישע געשיכטע מאַכט איצט דורך דעם פּראָצעס פון צענויפשליסן זיך אין איר קרייז, ווו יעדעס פּינטל, יעדעס שטריכל איז אַ נויטווענדיק רינגל אין אָט דעם קרייז, ווו קיין מינדסטער פּרט טאָר ניט פאַרשוועכט ווערן, טאָר ניט אַרויספאַלן. וואָרעם טאָמער וואַרפט איר אַרויס איין מינדסטן שטריכל ווערט צעפאַלן דער גאַנצער קרייז.

געפאַר פון אַ נייעם בראשית

דאָס זאָג איך ווי אַ וואָרענונג קעגן דער סכנה פונם גע־דאַנק, וואָס וויל אויפפאַסן אויך דעם אויפקום פון מדינת ישראל ניט אַנדערש, ווי נאָר אַ בראשית, אָפּגעריסן פונם גאַנצן נאָענטן נעכטן מיט אַלע זיינע כאַראַקטער שטריכן, אינגאַנצן באַפרייט פון אַלע זיינע השפעות. — אַ בראשית — אַן אויפקומען ווי אַ יש מאין, אָדער ווי אַן אַריבער־שפרונג איבער דורות פון צוויי טויזנט יאָר.
איך דאַרף דאָ מאַכן אַ זייטיקע באַמערקונג. די דאָזיקע

ווערטער האָב איך פאַרצייכנט איידער נאָך איך האָב די טעג געלייענט דעם בריוו־אויסטויש צווישן אונדזער ראש הממשלה דוד בן־גוריון און ד״ר נתן ראָטנשטרייך. און אַז איך האָב עס איבערגעלייענט, האָב איך נאָך טיפער דער־פילט אין זיך די באַדערפעניש אויסצודריקן מיין אומרו איבער דעם געדאַנקען־גאַנג פון בן־גוריון, צו וועמען איך פיל גרויס פאַרערונג. מיט אַ סך פון זיינע אָפּשאַצונגען פון אונדזער געשיכטע און משיחיות בין איך דורכאויס מסכים. איך האַלט אָבער זיין געדאַנק פון מאַכן אַ שפּרונג און אַריבער שפּרינגען, — אַריבערהיפּן צוויי טויזנט יאָר גלות און אַריינשפּרינגען גלייך צוריק אין דער פאַר דריי־טויזנט יאָריקער, ווי ער רופט עס אָן תנ״כישער אַטמאָס־פער, פאַר אַ סכנה׳דיקן. נישט חלילה, ווייל איך האַלט ניט פון תנ״ך, נאָר, פאַרקערט, ווייל איך האַלט, אַז די אמת׳ע באַהעפטונג פון אונדזער פאָלק, פון דעם יחיד׳ישן קאָנ־קרעטן ייד, מיטן תנ״ך איז פאַרגעקומען ניט אין די טעג, ווען דער תנ״ך איז געווען אין פּראָצעס פון זיין אויפקום, נאָר גראָד אין די צוויי טויזנט יאָר גלות. אין די גלות׳ן האָט אונדזער פאָלק אויסגעפורעמט זיין גרויסע געשטאַלט. די נביאים זיינען אַריין אין הארץ פון אונדזער פאָלק ערשט אין די גלות־דורות. אויך אַזוי דער תהילים. אויך אַזוי די גאַנצע תורה. און, בכלל, אַז מען זאָגט תנ״ך־פאָלק — וואָס מיינט עס קאָנקרעט? מיר דאַרפן זען דעם יחיד אין דעם. איך האַלט, אַז די גלות׳דיקע שרה בת טובים איז אַ מער תנ״כישע געשטאַלט ווי בת־שבע, צוליב וועלכער דוד המלך איז באַגאַנגען אַ פּשוטן מאָרד קעגן אַן אומשולדיקן מענטשן. יאָ, בת־טובים איז אַ הערלעכערע געשטאַלט ווי בת־שבע. און וועגן בת־טובים דאַרף דער יונגער יידישער דור, סיי אין ישראל, סיי אומעטום, וויסן מער ווי וועגן בת־שבע׳ן. איך האַלט אַז די מעשיות וועגן אַ ייד — אַ קדוש־געשטאַלט זיינען מער תנ״כיש, ווי די מעשה וועגן פלגש בגבעה; איך האַלט, אַז די מעשה ווי אַזוי אַ שוס־

טער־יונג לעקערט האָט אַרייַנגעשאָסן קוילן אין אַ ווילנער גובערנאַטאָר פֿאַר שמייסן יידישע אַרבעטער דעם ערשטן מאַי, און איז צוליב דעם געגאַנגען אויף דער תליה, איז ניט ווייניקער תנ״כיש פֿון דער מעשה, ווי אַזוי דער פּאַס־טעך דוד האָט אַרייַנגעשליידערט אַ שטיינדל אינעם שטערן פֿון גלית הפּלישתּי. יאָ, וועגן דעם דאַרפֿן יידישע קינדער לערנען און ניט מאַכן זיי איבערשפּרינגען איבער אָט די ענלעכע גרויס־וווּנדערלעכע יידישע געשעענישן. זיי דאַרפֿן זען דעם לעבעדיקן, פּשוטן יידישן מענטשן אין זיין גאַנ־צער הערלעכקייט. ניט גלאַט סתּם פֿאָלק. די אויפֿפֿאַסונג פֿון אַ יש מאין אָדער ווי אַן אויפֿגעריסנקייט פֿון אַ בראַ־שית, אויף וויפֿל זי איז אַביסל נויטיק כּדי צו שטאַרקן דעם ווילן פֿאַר אַ געשיכטלעכער רעוואָלוציאָנערער ענדערונג, מוז זי אָבער ניט אַריבערטרעטן די גרענעץ פֿון „אַ ביסל״. זי, די אויפֿפֿאַסונג, מוז גלייך געשטעלט ווערן אונטער קאָנטראָל און אַרייַנגעבראַכט ווערן צוריק אין פּראָצעס פֿון המשכ׳דיקייט, צוריק אין שויס פֿון איר געזעגלעכער מו־טער — אין פֿאַרגאַנגענהייט, און אין די אָרעמס פֿון איר געזעצלעכן פֿאָטער — דעם עבֿר, כּדי, ווי אַ נאַטירלעך קינד, וואָס ווערט אויסגעטראָגן געזונט, אַרייַנוואַקסן אין אַ געזונטן עתיד. דאָס דאַרף זיין דער יסוד פֿון דער דערציונג פֿון אונדזערע קינדער.

יעדע צו לאַנגע עקספּלאָאַטירונג פֿונעם באַגריף נייער אָנ־הויב אין שייכות מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער רעוואָלו־ציע, מוז פֿירן, אי צו נאַציאָנאַלער, אי צו קולטורעלער טראַגעדיע — צו ירידה.

מיר האָבן געהאַט אַ בלוטיקע לעקציע, נישט נאָר אין דעם דייטשישן פֿאַשיזם, אין דעם היטלעריזם, וואָס האָט זיך פֿאַרריסן ביז צו אַבסאָלוטער משוגעת און תּלינישקייט אין דער אידעע פֿון אַ דייטשן נייעם אָנהייב, — מיר האָבן אויך געהאַט אַזאַ בלוטיקע לעקציע אינעם באָלשעוויזם, אין אַלע זיינע פֿאָרמען, פֿון לענינען און סטאַלינען ביז די

היינטיקע פאַרשטייער זיינע — ווי אַזוי די וואַנזין אויפפאַ־ סונג פון אַ „נייעם אַנהויב״ האָט דאָרט געאַרבעט, כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אַקוראַט אינם היפך פון דעם, וואָס די ערשטע האָפנונג איז געווען. אויך די מורא׳דיקע טראַ־ געדיע פון דעם טייל פון אונדזער פאָלק אין סאָוויעט־ רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט און זיך אַזוי פאַטאַל פאַנאַנדערגעוויקלט, ניט נאָר צוליב דער נידערטרעכטיקער סטאַליניסטישער דיאַלעקטיק אַליין, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס די יידישע קאָמוניסטישע פירער און שרייבער, וואָס זיינען געוואָרן די פולע באַלעבאַטים איבער דער יידישער קולטור און יידישן גייסטיקן לעבן אין סאָוויעט־ רוסלאַנד און אין די לענדער אונטער סאָוויעט־רוסלאַנד׳ס השפעה, זיינען, נאָכמער ווי די רוסישע פירער און שריי־ בער, אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן טראַנס פון אַ בראַ־ שית — אַז די יידישע געשיכטע הויבט זיך אָן פון 1917 און אַז אַלץ וואָס איז געווען פריער, איז ניט מער ווי אַל־ טער שימל. צו וואָס זיי זיינען דערגאַנגען דאַרף איך אייך נישט דערציילן. די יידישע שרייבערס פון סאָוויעט־רוס־ לאַנד האָבן נישט געוואָלט ליידן, ווען ווער פון אונדז האָט זיי געוואָרנט וועגן דער געפאַר אויפצופאַסן, אַז יידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיטן יאָר 1917. היינט קאָנען זיי אפילו ניט צוגעבן זייער טעות, ווייל זיי ליגן אַלע גע־ שאָכטענע דורך זייער פאַרגעטערטן שעכטער. אָבער ווען אפילו עס וואָלט נישט געשען, אַז זיי זאָלן אומקומען דורך דער סטאַלין־געץ, וואָלטן זיי געמוזט צעשטערט ווערן אין זיך אַליין, אויב זיי וואָלטן אָנגעהאַלטן זייער מאַניע צו זען די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אינם ליכט נאָר פון זייער נייעם אָנהויב.

איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם אַביסל לענגער, ווייל עס איז נויטיק ווידער און ווידער צו באַטאָנען, אַז עס איז אַ גרויס אומגליק פאַר דער וועלט אָנצונעמען די טעאָריע, אַז אַ מענטש קאָן באַשאַפן אַ יאָ פון אַ ניין, אַז כדי צו ברענגען

גאולה, אָדער כדי אַליין אַריינצולעבן זיך אין דער געשטאַלט פון אַ וועלט־גואל, מעג מען און מען דאַרף גיין געאָרעמט מיטן שטן, אַז כדי צו ברענגען די אהבה מעג מען און מען דאַרף פאַרשיכורן זיך מיט שנאה.
אָט דער סאָרט מענטש האָט ניט איינמאָל צעבראָכן מיין לעבן און ניט איינמאָל אָנגעפילט מיין נשמה מיט אומגליק און פאַרצווייפלונג. און איר מעגט טראַכטן, אַז דער יחיד וועגן וועלכן איך רעד, קאָן זיין איך אַליין, אָדער יעדער פון אייך.
אוודאי, איבערגייענדיק פון די רוצחישע וועלט־פאַרניכטער וואָס האָבן מער ווי אַלץ געזוכט צו פאַרניכטן אונדזער פאָלק, — איבערגייענדיק פון זייערע מעשים, צו אונדזערע מעשים, דאַרפן מיר זאָגן טויזנט מאָל להבדיל. אָבער דאָך — דאַרפן מיר פון דעם עפּעס אָפּלערנען, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אונדזערע אייגענע גורלות צווישן זיך אַליין.

נישט פאַרטושן דעם גלות

דאָס אַלץ האָט איבערהויפּט אַ שייכות ווי אַזוי מיר שאַצן אָפּ היינט די פאַרבינדונג צווישן ישראל און גלות. ווי אַזוי מיר שאַצן אָפּ דעם קאָנקרעטן יחיד־ייד אין מדינת ישראל און דעם קאָנקרעטן ייד אין גלות — וואָס זיינען זיי איינער פאַר דעם אַנדערן?
יאָ, איך נוץ דעם טערמין גלות און ניט דעם קאַמופלאַזשטערמין תפוצה. הגם איך פיגוריר ניט ווי אַ ציוניסט, האַלט איך, אַז אַ ייד, וואָס איז צוליב דער אָדער יענער סיבה ניט אין ארץ־ישראל, — אין דעם לאַנד וואָס ער אָנערקענט, אַז זיין פאָלק איז פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן און ער דאַרף אַהין צוריקגיין, — איז אין גלות. אויך אַמעריקע, האַלט איך, איז אויפן פאָן פון דער יידישער געשיכטע דורכאויסיקער גלות. אויך וועגן זיי זאָג איך, אַז איך בין אין גלות, הגם אַמעריקע האָב איך ליב, סיי צוליב איר אַליין, סיי צוליב דעם, וואָס אויף איר ערד האָבן מיליאָנען

פון אונדזער פאָלק געפונען פריִיהייט. פאַר מיר איז אָבער קלאָר: כל זמן אַ ייִד טראָגט אין זיך אַקטיוו די גורל׳־דיקייט פון דער היינטיקער ייִדישער געשיכטע און זיין בונד מיטן ניט־איבערגעריסענעם גרויסן ייִדישן עבר — לעבט אין אים, ווו ער זאָל ניט זיין, זיין בענקשאַפט נאָך צוריקקער קיין ארץ־ישראל. אַ ייִד, וואָס באַפרייט זיך באַוווּסטזיניק פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, ער גיט זי באַוווּסטזיניק אויף, ער פאַרלייקנט זי, — פאַרלייקנט ער און פאַרלירט דעם עצם פון זיין נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע, וואָס איז אין תוך אויך זיין פערזענלעכע ביאָגראַפיע. עס פאַלט פון אים אַוועק איינער פון די קענטיקסטע צייכנס פון זיין ייִד־געשטאַלט. נאָכמער: איך זאָג עס פון מיין אייגענעם לעבנסגעפיל: אַ ייִד אין אַמעריקע וואָס פילט טאַקע, אַז ער איז לחלוטין ניט מער אין גלות — פאַרלירט דעם תוך פון זיין ייִד־געשטאַלט. איך זאָג אָבער אויך: אַ ייִד אין ישראל וואָס זאָגט, אַז יעדער ייִד מחוץ ישראל האָט ניט מער קיין תוכ׳יקע שייכות מיט אים, אָדער ער איז פאַר אים אין בעסטן פאַל, מינדערוועדטיקער פון אים — אַזאַ ייִד אין ישראל וואָס זאָגט עס — אויך ער פאַרלירט דעם תוך פון זיין ייִד־געשטאַלט.

און דאָ קום איך צו מיין אויפפאַסונג פונעם מהות ייִד, פונעם יחיד־ייִד, און צו דעם חילוק וואָס ס׳איז דאָ צווישן מיין אויפפאַסונג פון דעם אָפיציעלן ניי־שטאַטלעכן ישראל־ייִד, און אויך פון דעם אָפיציעלן ייִדישן אַמעריקאַניזם.

די קנאה צו ישראל

אַ ייִד אין ישראל דאַרף זיין, און איז נאַציאָנאַל גליקלעכער, פסיכיש גאַנצער. ער איז אין שלום מיט זיך אַליין. ער איז, היסטאָריש, אין דער היים, און דאָס דאַרף זיין און איז די גרויסע רעגונג מקנא צו זיין אים און ציען זיך צו אים. דאָס איז די אייביקע רעגונג וואָס לעבט אין אונדז צו ארץ־ישראל, — און היינט — צו מדינת ישראל. אַ רעגונג, וואָס

איך בין איבערצייגט, אַז מיט דער צייט וועט זי מיט גרויס איגערלעכער פלאַמיקייט אַרומכאַפּן אויך די אַמעריקאַנער יידן. יאָ, מיט דער צייט וועט קומען די פלאַמיקע רעגונג. מיר מוזן האָבן היסטאָריש געדולד. דאָס מיינט אָבער לחלוטין ניט, אַז דאָס גיט אַ רעכט דעם היינטיקן ישראל־ייד גאווה׳דיק צו טראַכטן, אַז ער איז ניט נאָר אַ היים־באַרואיקטערער, נאָר אויך אַ מאָראַליש בעסערער, אַן עטישערער, אַ געוויסן־מהות׳דיקערער פונם ברודער־ייד אין גלות. גענוג צו זען די בעטערע אומגלייכקייט וואָס נעמט דאָ וואַקסן צווישן אָרעם און רייך, כדי צו דערפילן די דאָזיקע ספקות. פאַרגעסט ניט: די בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל איז אויך געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ בענקשאַפט נאָך פולער צדקות, נאָך העכערער גערעכטי־קייט, נאָך עטישער שלימות פונם יחיד־ייד. נאָך אמתער משיחיות — נאָך ירושלים של מעלה. אָבער אָט די בענק־שאַפט איז אַלעמאָל געווען אין פולער שותפות מיט דעם יידישן אדם־עליון אין דער גאָרער וואָגל־וועלט. אין דער וועלט פון ליידן און געלייטערטן צער. אָט די משיחישע בענקשאַפט איז קיינמאָל ניט געווען גאווה׳דיק, עגאָצענ־טריש, ביטול׳דיק צו גייסטיקע ישׂ׳ן פון אַ ייד ערגעץ אין פאַרוואָרפנסטע מרחקים. וואָס מער די גייסטיקע ישׂ׳ן זיינען אַרויסגעדרונגען פון דער יידיש מענטשלעכער ליידנ־דיקער דערקענטעניש, פון דעם יידנס דערהויבענע יסורים־געזאַנגען אין תפילות, אַלץ ליכטיקער און געטלעכער זיי־נען געוואָרן די דאָזיקע ישׂ׳ן. אַ ייד האָט זיך געפילט גע־קניפּט און געבונדן מיט דער נשמה און מיטן גוף פון אַ צווייטן ייד ערגעץ אין דער ווייטסטער וועלט. און אין דעם איז געלעגן די גרויסקייט זיינע. ווער עס פאַרלייקנט עס, ווער עס טראָגט אַריין אין דער אָפּשאַצונג פון מהות ייד אַ צוגאַנג פון מער ווערטיקייט און מינדערווערטיקייט, אַז איין סאָרט ייד איז סולת און אַ צווייטער סאָרט ייד איז פּסולת, — דער גראָבט אונטער דעם יסוד פון אונדזער

פאָלק. אין בעסטן פאַל שאַפט ער עפּעס אַזאַ מין מעכאַנישע „קאָ־עקזיסטענץ" צווישן דעם ישראל־ייד און דעם גלות־ייד. די דאָזיקע באַצייכנונג פון אַ יידישער „קאָ־עקזיסטענץ" געהערט צו מיין גוטן פריינט פּראָפעסאָר שמעון ראַבידאָוויץ ע"ה, וואָס איז אַזוי אומגעריכט צוגענומען געוואָרן פון אונדז. און דאָס איז אַ טרעפלעכע באַצייכנונג. ער איראָניזירט איבער אַזאַ „קאָ־עקזיסטענץ" מיט פולער רעכט און מיט פולן וויטאָק. ווייל עס קען ניט זיין קיין מער גראָטעסקישער צושטאַנד ווי אַ יידישע קאָ־עקזיס־טענץ אויב אַזוינס זאָל טאַקע זיך שאַפן צווישן דעם ייד אין ישראל און דעם ייד אין גלות. ניט אַ סערוואַנטעס און ניט אַ שלום־עליכם וואָלטן געקענט אויסמאָלן דעם גראָטעסק פון אַזאַ שייכות.

איבערלעבונג פון קינדהייט

און איצט, צום סוף, דערלויבט מיר צו דערציילן אייך עפּעס וועגן מיר אַליין פּערזענלעך, עפּעס וועגן מיר — דעם פּרט אין דעם כלל ישראל, עפּעס וואָס גייט מיר נאָך אַ גאַנץ לעבן. עפּעס וואָס איז געשען מיט מיר ווען איך בין אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר זיבן, און היינט, ווען איך בין שוין ערב זיבעציק, שטייט עס פאַר מיר ווי דאָס וואָלט געשען ערשט היינט. איך האָב וועגן דעם דערציילט לעצטנס אין דעם „טאָג מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק, און איך וועל עס אייך דערציילן איצט בקיצור, ווייל עס האָט אַ גרויסע שייכות צו אַלעם דעם, וואָס איך האָב גערעדט פריער.

יאָ, איך בין אַלט געווען אַ יאָר זיבן. בין געגאַנגען, אין איינעם אַ טאָג, אין חדר. אַ ליכטיק זוניקער ווינטער־טאָג, אַ שטיל־פּראָסטיקער, ווי עס טרעפט אין די וויים־רוסישע שטעטלעך. איך גיי, אין פרימאָרגן, צום חדר וואָס אין שול־גאַס. איך גיי דורך אַ גרויסן מאַרק און קער זיך אָפּ אין אַ גאַס, ווו עס איז געשטאַנען דער פּוילישער קאָס־

טיאָל. איך גיי פאַרביי דעם קאַסטיאַל־אַריינגאַנג. ערשט עס שפּרינגט צו מיר צו אַ הויכער געזונטער פּאָליאַק און גיט מיר אַ זעץ מיט זיין פויסט איבערן קאָפּ, רייסט אַרונ־טער מיין היטל און וואַרפט עס צוזאַמען מיט מיר צו דער פּראַסטיקער ערד. ער שלאָגט מיך און שרייט דערביי: זשיד, אַז מע גייט פאַרביי אונדזער קאַסטיאָל דאַרף מען אַרונטערנעמען דאָס היטל! זשיד! — איך שטיי קוים אויף, כאַפּ מיין אַרונטערגעשליידערט היטל און יאָג מיט אַ געוויין צום חדר. עס קלאָגט אין מיר מיין האַרץ: פאַר־וואָס האָט ער, דער הויכער גוי, געשלאָגן מיך, אַ זיבן יאָריק קינד? און פאַרוואָס, ווען ער, דער גוי, גייט פאַר־ביי אַ יידישע שול מיט אַ הוילן קאָפּ, צווינגט אים קיינער ניט ער זאָל אָנטאָן דאָס היטל? איך קום אַריין אין חדר. פאַרשטיק מיין געוויין. איך זעץ זיך לערנען חומש. דער רבי לערנט מיט אונדז די סדרה וירא, די פרשה פון יצחק׳ס עקדה. יצחק גייט מיטן טאַטן אברהם צום באַרג מוריה, און אַט ליגט יצחק אַ געבונדענער אויפן מזבח און וואַרט צו זיין געשאָכטן. מיין האַרץ וויינט אין מיר נאָך שטאַרקער. עס קלאָגט ממש פון גרויס רחמים צו יצחק׳ן. אַט הייבט אויף אברהם דעם מעסער. מיין האַרץ ווערט ממש פאַרגליווערט פון פחד. מיטאַמאָל — דעם מלאכ׳ס קול, אברהם, הייב ניט אויף דיין האַנט אויף דיין זון, שעכט אים ניט. דו ביסט נאָר אויסגעפּרובירט געוואָרן דורך גאָטס נסיון. — ערשט דאָ ברעך איך אויס אין אַן אָפן געוויין. — וואָס זשע וויינסטו איצט? פרעגט דער רבי, — יצחק איז דאָך ניט געשאָכטן געוואָרן. — זאָג איך אין מיין גע־וויין: אָבער וואָס וואָלט געווען, רבי, ווען דער מלאך פאַר־שפּעטיקט אויף איין רגע? — דער רבי טרייסט מיך, באַ־רואיקט מיך, אַז אַ מלאך קאָן ניט פאַרשפּעטיקן. אין מיר אָבער איז די מורא פאַר אַ פאַרשפּעטיקונג געבליבן. — פון חדר גיי איך אַהיים. ס׳איז שוין פאַרנאַכט. איך גיי פאַרביי דעם גרויסן הויף פון דעם פריץ יאָסעוויטש. איך

גנב'ע זיך אַריין אין פּריצישן הויף. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין איינעם פון די צימערן פונם פּריצ'ס פּאַלאַץ זיצט פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס דעם פּריצ'ס אַ זון, אַ גע־רירטער פון זינען. איך בין פול מיט נייגער און מיט אַ מאָדנער פאַרכאַפּטקייט צו זען דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש הינטער גראַטעס. איך וויל זען דעם דאָזיקן מענטש פון פּיין און ליידן. און אָט זע איך אים. איך שטיי לעבן זיין פאַרשמידטן פענצטער און קוק אויף אים דורך די גראַטעס. ער שטייט אינווייניק ביים פענצטער און קוקט אויף מיר. ער קוקט שטום, פאַרגליווערט. גרויסע שרעק־לעכע אויגן. דער מאַן אַליין אַ ריז, אַ קאָפּ און פּנים ווילד אַרומגעוואַקסן מיט שוואַרצע קנוילן האָר. איך קוק אויף אים ווי אַ פאַרכישופטער, ווי כ'וואָלט קוקן אין אַן אַריינ־ציענדיקן תהום. אונדזערע אויגן באַגעגענען זיך. מיינע קני נעמען זיך אונטערברעכן. כדי צו ראַטעווען זיך מיט עפּעס, נעם איך און טו אָפּ אַ שפּיצל: ביים פענצטער איז געהאַנ־גען אַן אייזערנער שטאַנג, מיט וועלכן מען פאַרשליסט ביינאַכט די פענצטער־לאָדן. דער שטאַנג איז געפרוירן. וויל איך באַווייזן דעם שרעקלעכן מאַן, אַז איך וויל אים מיט עפּעס פריילעך מאַכן, פאַרוויילן, — לייג איך צו מיין צונג צום געפרוירענעם אייזן. מיין שפּיץ צונג קלעפּט זיך צו צום אייזן, פרירט צו. איך גיס אַ ריס אָפּ מיין שפּיץ צונג און מיין צונג נעמט בלוטיקן, פילט אָן מיט בלוט מיין מויל און טריפט אויף מיינע קליידער. אין בהלה נעם איך לויפן אַהיים. פאַל אַריין אין שטוב אַ פאַרגאָסענער מיט פלעקן־בלוט, און איך פאַל דערנאָך אַריין אין אַ גרויסן פיבער.

ווי איר זעט, רבותי, פיר מאָמענטן, פיר שרפע איבערלע־בונגען אין איין טאָג אינעם לעבן פון אַ זיבן־יאָריק קינד. דאָס וואָלט געווען צופיל אפילו פאַר אַ דערוואַקסענעם. ווער רעדט נאָך — פאַר אַ קינד. ס'איז אָבער ניטאָ, ווייזט אויס, קיין צופאַל פאַר אַ יידיש קינד! די פיר פּאַסירונגען אין איין טאָג האָבן געלייגט אַ שטענדיקן חותם אויף מיין

גאַנצן לעבן און זיינען געוואָרן דער אונטער־טאָן פון אַלע מיינע שפּעטערדיקע לידער און דראַמעס; דער אונטערטאָן פון מיין זיין אַ ייד און פון מיין גאַנצן ייד־גורל. דאָס איז אויך דער אונטערטאָן פון די אַלע רייד, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט אָט דאָ פאַר אייך.

יאָ, איך בין אַלט געוואָרן דעמאָלט זיבן יאָר און אָט בין איך שוין ערב זיבעציק. און די פיר געשעענישן געשעען אויך היינט מיט מיר — יחיד־ייד. נישט ווייניקער גורל׳דיק און ניט ווייניקער טראַגיש, אָבער אויך ניט ווייניקער אַנט־שיידנדיק און זכיה׳דיק.

איך פיל נאָך היינט פריש־ווייטאָקדיק דעם פּאַליאַקס, דעם גוי׳ס, פויסט איבער מיין פּנים, — אַ קלאַפּ פון אַ פויסט פאַר קיין שום שולד. איך זע נאָך היינט די גרויליקע אויגן פון דעם מענטש הינטער גראַטעס. — גראַטעס, הינטער וועלכע איך אַליין האָב שפּעטער אין צאַרישע תּפיסות, פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן. פאַרוואָס? פאַר וועלן פרייהייט. פאַר וועלן אַ וועלט אָן גראַטעס. איך זע דעם פאַרשפּאַרטן מענטשן. דעם ווילד־פאַרוואַקסענעם, דעם פאַרזונקענעם אין עלנט, אין פינצטערניש, — דעם פאַרלאָזענעם. איך טראָג נאָך היינט אין זיך מיין וועלן אויספּרובירן די נאַטור, דעם קאַלטן געפּרווירענעם אייזן, מיין ווילן צו צולייגן מיין צונג צו דעם עצם פון דער נאַטור, פאַרזוכן איר טעם, און פאַרזוכנדיק דעם טעם באַגיסן זיך מיט אייגענעם וואַ־רעמען בלוט. אָבער מער פון אַלץ גייט מיר נאָך יצחק׳ס ליגן אויף דעם עקידה־מזבח, זיין קוקן אויפן אויפגעהוי־בענעם מעסער ביז דער מלאך פון גאָט זאָגט אָן אַז ס׳איז געווען נאָר אַ נסיון, און ס׳גייט מיר נאָך אי ווי אַ גזר, אי ווי אַ געזאַנג, מיין קינדישע פראַגע: רבי, ווי וואָלט געווען ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט אויף איין רגע?

עס גייט מיר נאָך, ווייל אָט האָב איך דאָך געזען טאַקע — מיר אַלע האָבן דאָך געזען טאַקע — ווי זעקס מיליאָן יצחק׳ס זיינען געלעגן אונטער מעסערס, אונטער העק, אין

פייערן און אין גאַז־קאַמערן און זײַנען טאַקע געשאָכטן געוואָרן. דער מלאך פון גאָט האָט יאָ פאַרשפּעטיקט. — זעקס מיליאָן יצחק׳ס געשאָכטענע קאָן איך ניט באַגרײַפן. — איך קען אָבער באַגרײַפן איין יצחק, וואָס וואַרט געשאָכטן צו ווערן און לעבט איבער דערבײַ די גרוילן פון זעקס מיליאָן געשאָכטענע, ווי ער אַליין וואָלט געשאָכטן געוואָרן זעקס מיליאָן מאָל. און אָט האָבן מיר געזען ווי אויך דאָס נײַע ישראל האָט געשיקט בעסטע זין און טעכטער, בעסטע יצחק׳ס און רבקה׳ס, אויפן נײַעם מזבח פון יידישער באַפרייונג — אַ פּאָר שפּאַן פונם אַלטן באַרג מוריה.

דער נסיון איז דאָ געגאַנגען ביזן סוף. די געשטעלטע צום נסיון האָבן אים אויסגעהאַלטן ביזן סוף. מיר בייגן די קעפּ פאַר זיי.

איז עס ניט גענוג עקדות? איך פרעג. איז עס ניט גענוג? לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין און אין זיך אַליין ניט פירן זיך אַליין צו מזבחות. לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין זיין אַלע לעבעדיקע און ליכטיקע אברהמ׳ס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יצחק׳ס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יעקב׳ס. דאָס איז מיין תפילה היינט, אָט דאָ אויף דער ערד פון ירושלים עטלעכע שפּאַן פון דעם באַרג מוריה. יאָ דאָס איז היינט מיין איינציקע, איינציקע תפילה״.

אין זיין סך־הכל האָט נתן ראָטנשטרייך באַרירט די באַהאַנדלונגען פון דער קאָנפערענץ אין די גלות־אַנגעלעגנהייטן ווי פאָלגנדיק:

„מען קען נישט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אין דער דיסקוסיע שטיצן מיר זיך אויף דער אָדער יענער שילדערונג פונם גלות. נישט דער פערזענלעך מענטשלעכער בזיון פונם גלות, און אפילו נישט זיין סאָציאָלאָגישע סטרוקטור, ווי מיר האָבן אָפּגעירשנט פון די פאָרגייער פונם ציוניזם, פון וועלכע מיר לערנען. מען מעג אָננעמען אפילו, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דעם סאָציאַלן אויסזען

פונם גלות, אַז די פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַריזאַציע אין דער ווירקלעכקייט פון דער צווייטער אינדוסטריעלער אי־בערקערעניש זיינען נישט די זעלבע אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען בעת דעם איבערגאַנג פון אַ וואַרשטאַט־ווירטשאַפט צו אַ פאַבריק־ווירטשאַפט. מען מעג אָננעמען, אַז עס עקזיסטירט מער נישט קיין גלות, וואָס איז אַ סינאָנים צו פערזענלעך מענטשלעכער באַליידיקונג און באַשמוצונג. ווייל אויב מיר ווען זאָגן, אַז גלות איז אידענטיש מיט אַ באַשטימטער סאָציאַלער אָרדנונג, אָדער מיט אַ באַשטימטער ווירקלעכקייט פון מענטשלעכער דערנידעריקונג, וועט מען קומען און אונדז באַווייזן, אַז די לאַגע איז נישט אַזאַ. און דאַן קען מען אפשר קומען צו דער מסקנה, אַז עס עקזיסטירט מער נישט קיין גלות. אָבער די רעאַליטעט און דער וועזן פון דעם גלות זיינען נישט קענטיק דווקא לויט די דאָזיקע סימנים. דעם קען־צייכן פון גלות קען מען אפשר פאָרמולירן אין אַ פּרע־ציוניסטישער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון דעם מהר״ל, אַלס אַ געפיל, אַז יעדעס פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם אָרט. מעגלעך, אַז אינעם היינטיקן דור וועט דער אויסדרוק פון גלות זיין דערהויפּט אַ פּסיכישער, דאָס געפיל פון נישט־צופּאַסן זיך פונם יידישן מענטש צו זיין סביבה, סיי זי זעט אויס אַזוי, אָדער אַנדערש, נישט קענענדיק פאַקטיש אָנווייזן אויף דעם אָדער יענעם פּרט אין דער געזעלשאַפט־לעכער און פּאָליטישער ווירקלעכקייט.

דעריבער דאַרפן מיר אין דער דאָזיקער דיסקוסיע זיך ווענדן צו די מער פונדאַמענטאַלע שיכטן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, איידער צו דער סאָציאָלאָגיש געזעלשאַפטלעכער, אָדער עקאָנאָמישער שיכט אין אסקאַלישן זין פון דעם באַגריף״.

קאפיטל 3

די פאזיציע פון מדינת ישראל
אינם וועלט־יידנטום

הגם אַלע אָנערקענען ווי וויכטיק און אפילו אַנטשיידנדיק עס איז די פּאָזיציע פון מדינת ישראל צווישן די יידישע קהילות אין דער וועלט און ווי גרויס עס איז דער דער־פּאָלג פון דער מדינה און איר איינפלוס אויף יעדן איינצל־נעם ייד, זיינען אָבער פאַרשיידן די מיינונגען לגבי די טענדענצן, פאַר וועלכע די פּאָזיציע דאַרף דינען און וואָס פאַראַ ריכטונגען די מדינה דאַרף דערמוטיקן. די דאָזיקע טענדענצן זיינען געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ. די באַהאַנדלונגען האָבן אויך דורכגעפירט אַ טיפן אַנאַליז פון דער באַציונג מצד די יידן אין דער וועלט צו דער מדינה, אַן אַנאַליז, וועלכער איז זעלטן אַזוי אָפן געמאַכט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

נאר רעליגיעזע ווירקלעכקייט פארשטארקט
דעם קשר מיט ישראל

דער בריוו פון הרב ש. י. זעווין צו דער קאָנפערענץ, וועלכער איז פאַרגעלייענט געוואָרן פאַר די אָנטיילנעמער און איז געווען אַ טעמע אויך פאַר דיסקוסיעס, באַהאַנדלט די פּאָזיציע פון דער מדינה אינם וועלט־יידנטום מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„קומט און זעט וואָס אַזוינס דערוועקט אַ ציטער און אַ בענקשאַפט ביי אַלע פאַרוואָרפענע יידן אומעטום, אויב נישט דער באַוווסטזיין, אַז אָט ווערט פאַרווירקלעכט אין

ישראל די משיחישע וויזיע, די וויזיע פון הייליקייט און ריינקייט. דעריבער וויפל מיר קענען נאָר פאַרשפּרייטן תורה און גאָט־קענטעניש, ווי אויך דאָס אָפּהיטן מצוות — נישט סימבאָליש — אין דער גאַנצער יידישער וועלט, גע־ווינען מיר דורך דעם די הערצער און די נשמה פונם גאַנצן פאָלק און פאַרשטאַרקן זייער צובונד צו מדינת ישראל. פאַרקערט ווידער, אויב מיר רוקן בולט אַרויס די וועלט־לעכקייט פון דער מדינה, אויף וויפל מען זעט די נישט־רעליגיעזקייט, און געוויס — דאָס אַנטי־רעליגיעזע אין דער מדינה, שטויסן מיר אָפּ מיטביידע הענט די גאַנצע באַציונג פון אונדזערע ברידער אין גלות צו מדינת ישראל און רייסן איבער מיטאַמאָל דעם גאַנצן קשר צווישן זיי און אונדז.
די אויפגאַבע און די שליחות פון ישראל כלפי דעם גלות איז אויך צו דערמוטיקן דעם קיבוץ־הגלויות, צו אַנטוויקלען די קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריע אין לאַנד. אָבער דוכט מיר, אַז דאָס איז אַ שליחות און אַן אויפגאַבע אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג — פון די גלות־לענדער צו מדינת ישראל. די דאָזיקע ענינים גייען נישט אַריין אין דער ראַם פון דער פראַגע אַזוי ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן. אונ־דזער אויפגאַבע און פליכט כלפי דעם גלות איז — צו זיין פאַר זיי דער פּאָליטישער צענטער, וועלכער שטייט אויף דער באַזע פון תורה און אמונה. מיר האָבן נישט בדעה מיט גוואַלד צו באַהערשן דאָס לעבן פונם יחיד אין זיין שטוב. אָבער די געזעלשאַפטלעכקייט, דער כלל, די מדי־נה אַלס אַזעלכע, דער רשות הרבים, די צילן פון דער דערציונג — דאַרפן און מוזן זיין אין גייסט פון דער תורה. דאָרט דאַרף הערשן די הייליקייט פון שבת, כשרות און די מיט זיי פאַרבונדערע זאַכן. אין דעם גייסט דאַרפן מיר ריכטן אונדזערע באַציונגען צום גלות. אַזאַ באַציונג און אַזאַ קשר וועט קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן".

מורא פאַר ווערן נאָרמאַלע יידישע מענטשן

נישט אין דעם געוויינטלעכן טאָן בנוגע וואָרעמע און האַרציקע באַציונגען פון די גלות־יידן צו דער מדינה, האָט **ש. ז. שרגאַי***) גערעדט וועגן יענע יידן, וועלכע האָבן נאָכנישט שלום געמאַכט מיט דער גרינדונג פון דער מדינה:

„פאַראַן ביי אונדז גרופּן, וועלכע האָבן נאָכנישט שלום געמאַכט מיט דעם פאַקט, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט ווידער אַ פאָלק מיט אַ נאַטירלעכן, אייגענעם און זעלבשטענדיקן לעבן. זיי האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם שטייגער פון שעטנז און כלאיים, צו אַ געמישטן לעבן, אַז זיי האָבן מורא ווידער צו ווערן נאָרמאַלע יידישע מענטשן. עס איז זיי נישט באַקוועם וואָס דאָס פאָלק ווערט ווידער אַ ישראלדיק פאָלק. זיי האָבן זיך צו שטאַרק צוגעוווינט צו צוויאיקייט, צו דופּליקאַציע, צו זיין אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ פּוילישער ייד, אָדער גויים פון משה׳ס גלויבן א.א.וו. זיי האָבן זיך נישט צוגעוווינט צו זיין סתם אַ ייד אָן אַ פרעמדן צוגאָב, און דעריבער שפּירן זיי אַז נישט זיי דאַרפן אָנהויבן פירן אַ נאַטירלעכן לעבן, אַ יידיש לעבן בלויז ווי אַ ייד און נישט מער. עס קומט זיי אָן שווער זיך צו באַפרייען פון דער ביז־איצטיקער צוויאיקייט, פון אַ גויאישן לעבן ווי יידן. ווער עס לעבט אַזוי אָפן, און ווער פאַרבאַהאַלטן, ווער עס איז אַ ייד אין דערהיים, און אַ גוי אין דרויסן.

יעדער איינער פון אָט די קרייזן האָט זיך זיין באַגרינדונג. איינער איז נישט ענלעך צום צווייטן. דאָס געמיינזאַמע צווישן זיי — וואָס אַלע קענען נאָכנישט לעבן ווי גאַנצע יידן אָן אַ צוגאָב פון פרעמדקייט און גויאישקייט“.

---

*) מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ, מחבר פון ביכער.

לאָמיר דאָ ברענגען בלויז איין מאָטיוו פאַר אָט דער באַ־ציונג פון די 6 מאָטיוון, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין שרגאַי׳ס רעפעראַט:

„פאַראַן אַזעלכע וועמען ס׳איז באַקוועם דאָס וווינען אין גלות. זיי נעמען אָן מדינת ישראל מיט „ליבשאַפט״, ווייל זי באַפרייט די יידן פון די גלות־לענדער פון אויסקוקן משיח׳ן און אויב זיי גלויבן נישט אין דעם קריסטלעכן „משיח״, זעען זיי אין מדינת ישראל דעם כלומרשט יידישן „משיח״. די יידן אין גלות, וועלכע זיינען פון איצט אָן באַפרייט פון דעם „אני מאמין בביאת המשיח״ קענען איינ־ריכטן פאַר זיך אַביסל יידישקייט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט אויך צום „גוטן געשמאַק״ פון יענע יידן אין גלות, וואָס פירן אַ גויאיש לעבן. די יידן פון גלות וועלן זיך באַגנו־גענען מיט דעם „משיח״ פון מדינת ישראל פאַר די יידן וואָס לעבן אין דער מדינה און זיי גופא וועלן פאַר זיך שאַפן אַ געוויסע רעפאָרמירטע יידישקייט, נישט אין ליכט פון קריסטנטום, נאָר אין שיין פון דער גויאישקייט, אין וועלכער זיי לעבן און אין וועלכער עס איז זיי באַקוועם ממשיך צו זיין״.

ישראל און דער ייד אומעטום

דוד בן־גוריון האָט געווידמעט אָט דער טעמע פאַלגנ־דיקע ווערטער:

„דער אויפקום פון ישראל האָט געעפנט אַ ניי קאַפּיטל, נישט נאָר אין דער געשיכטע פונם לאַנד, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דעם גאַנצן יידנטום. ער האָט אויסגעע־גלייכט דעם יידישן מענטש אומעטום און אויפגעהויבן זיין קאָפּ. אין די עטלעכע יאָר האָט די מדינה אויסגעלייזט הונדערטער טויזנטער יידן פון ביטערע און דעגענערירנ־דיקע גלותן און געמאַכט פון זיי שיינע און שעפערישע

יידן, וואָס בויען און פאַרטיידיקן זייער לאַנד. זי האָט אַריינגעגאָסן אַ נייע האָפנונג אין דעם געפּענטעטן און פון צוואַנג שטומען יידנטום אין סאָוויעטישן בלאָק. זי האָט אַנטפּלעקט ביים יידישן מענטש אַ וווּנדערבאַרן טאַלאַנט אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער שאַפונג און האָב באַ־נייט דעם יידישן העראָיזם. זי האָט געגעבן יעדן ייד, וואָס געניסט אין זיין ווינלאַנד פון באַוועגונגס־פרייהייט, די זיכערע מעגלעכקייט צו לעבן אין זיין זעלבשטענדיקן היימלאַנד, אויב ער וויל עס, און דורך דעם האָט זי פאַר־זיכערט, אין פּאָטענץ, הגם נישט פּאַקטיש, די מלוכה׳שע סוווערענישקייט פונם גאַנצן יידישן פאָלק. אויף דער איג־טערנאַציאָנאַלער אַרענע איז אויפגעטראָטן אַ יידיש פריי פאָלק, וואָס איז גלייכבאַרעכטיקט אין דער פעלקער־משפחה, און עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אַלע טיילן פונם פאָלק אין די גלות־לענדער, די וועלכע רופן זיך ציוניסטן, אָדער נישט־ציוניסטן, רעליגיעזע און פרייע, איינוווינער פון פרייע לענדער און איינוווינער פון פאַר־שקלאַפטע און אָרעמע לענדער, האָבן באַגריסט דעם אויפ־קום פון דער מדינה מיט ליבשאַפט און מיט שטאָלץ, און די מדינה איז געוואָרן דער ציל, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די יידישע אייניקייט אין גלות...

די דאָזיקע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיטן כוח פונם גאַנצן יידישן פאָלק, און נישט נאָר פונם פאָלק, וואָס לעבט אין אונדזער היינטיקן דור. איך צווייפל גאָרנישט דעריןן, אַז אַלע דורות אינם יידנטום האָבן אַ חלק ונחלה אין דעם מעכטיקן און וווּנדערפולן אַקט, וואָס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין אונדזער צייט. די מדינה איז אויפ־געשטעלט געוואָרן פאַרן גאַנצן פאָלק. אָבער פאַקטיש איז זי איצט דאָס אייגנטום בלויז פון אַ מיליאָן און 700 טויזנט יידן, 14% פונם יידישן פאָלק. און בלויז צוליב דעם אַליין קוקט די מדינה אויף זיך בלויז ווי אויף אַן אָנהויב, אָבער נישט בלויז צוליב דעם קליינעם כמות פון יידן, וואָס זיי־

נען ביז איצט זיך צענויפגעקומען אין זייער היימלאַנד. מדינת ישראל האָט פאַר זיך צוויי צענטראַלע שליחותן, וועלכע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער זעלבשטענ־דיקייט־דעקלאַראַציע און אין צוויי באַזונדערע געזעצן, וואָס הגם זיי הייסן נישט גרונט־געזעצן, זע איך אין זיי די העכסטע געזעצן פון מדינת ישראל, אין וועמענס שיין דורות וועלן גיין און דערצויגן ווערן, און אַזוי לאַנג זיי זיינען נאָך אינגאַנצן נישט רעאַליזירט געוואָרן, איז די אויפגאַבע פון דער מדינה נאָך נישט פאַרענדיקט.

דער ערשטער געזעץ איז דער „חוק־השבות" (רעפּאַטריאַ־ציע־געזעץ), וואָס אַנטהאַלט אין זיך די באַשטימונג פון קיבוץ־גלויות. דאָס דאָזיקע געזעץ באַשטימט, אַז נישט די מדינה גיט דעם ייד דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין ישראל, נאָר דאָס דאָזיקע רעכט האָט ער, ווייל ער איז אַ ייד, אויב ער וויל נאָר זיך אָנשליסן צו די באַזעצער פונם לאַנד. אין מדינת ישראל האָט אַ יידישער בירגער קיין שום פּריווילעגיע לגבי דעם נישט־יידישן בירגער. אין דער זעלבשטענדיקייט־דעקלאַראַציע האָבן מיר באַשטימט, אַז „מדינת ישראל וועט געבן פולשטענדיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע אירע בירגער, אָן אונטערשייד פון רעליגיע, ראַסע און געשלעכט". אָבער דאָס רעכט פון יידן צוריקצוקערן זיך קיין ארץ־ישראל זעט די מדינה ווי אַ רעכט, וואָס איז געווען נאָך פריער פאַר איר גרינדונג און שטאַמט פון דעם היסטאָרישן קשר צווישן די יידן און זייער אור־אַלטן לאַנד, וועלכער איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. דער „חוק־השבות" געהערט נישט צו די עמיגראַציע־געזעצן אין די פאַרשיי־דענע לענדער, וועלכע באַשטימען די באַדינגונגען, אין וועלכע אַ מדינה נעמט אַריין אימיגראַנטן פון דרויסן. דער חוק־השבות איז דאָס געזעץ פון פּערמאַנענטקייט און היס־טאָרישער קאָנטינואיטעט, פון דער צוגעבונדנקייט פונם לאַנד צו אונדזער פאָלק. ער באַשטימט דעם מלוכה'שן

פּרינציפּ, אַדאַנק וועלכן מדינת ישראל איז באַנייט געוואָרן.

...דער צווייטער געזעץ באַשטימט די סאָציאַלע ריכטונג פון דער מדינה און די פיזיאָגנאָמיע, וועלכע מיר ווילן געבן דעם פאָלק וואָס לעבט אין איר. ער נעמט אַרום די פאַראָרדנונג וועגן מלוכה׳שער דערציונג. פּאַראַגראַף 2 פון דעם דאָזיקן געזעץ זאָגט: „דער צוועק פון דער מלוכה׳שער דערציונג איז צו באַזירן דעם עלעמענטאַרן חינוך אין דער מדינה אויף די ווערטן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און אויף די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט; אויף ליבשאַפט צום היימלאַנד און טריישאַפט צו מדינת ישראל און צום יידישן פאָלק; אויף אויסאיבונג אין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, אויף חלוצישער פאַרווירקלעכונג; אויף דער שטרעבונג צו אַ געזעלשאַפט געבויט אויף פרייהייט, גלייכהייט, טאָלעראַנץ, קעגנזייטיקער הילף און מענטשן-ליבשאַפט". דאָס דאָזיקע געזעץ צייכנט אָן די הויפּט-ליניעס פון אונדזער ווערן אַן עם סגולה, אַ מוסטערהאַפטע מדינה און שטיצט זיך אויף אונדזער פּערמאַנענטן צובונד צום יידישן פאָלק אין דער וועלט...

די עקזיסטענץ פונם יידנטום קען פון איצט אָן נישט מעגלעך זיין אָן מדינת ישראל און אָן אינערלעכער צוגעבונדנקייט צו איר. אָבער אויך דערציונג צו דער מדינה איז נישט מעגלעך אָן טרייער שותפות צווישן איר און אַלע גלות-לענדער. אָן אַרויסשטראַלונג פון מאָראַלישער, קולטורעלער און פּאָליטישער אינספּיראַציע פון דער מדינה פאַר אַלע גלות-לענדער, קען די דאָזיקע שותפות צוזאַמענגעבראָכן ווערן... נאָר ווען מיר וועלן זיין אַן עם סגולה, מיט וועלכן יעדער ייד אומעטום וועט שטאָלצירן, וועלן מיר קענען אָפּהיטן די ליבשאַפט פונם פאָלק און זיין טריישאַפט צו ישראל".

אינטערפּרעטאַציע פון דער שותפות:
ישראל—גלות־יידנטום

דער רעפעראַט פון ד״ר נ. גאָלדמאַן אויף דער אידעאָלאָ־גישער קאָנפערענץ האָט געטראָגן דעם נאָמען „ישראל און דאָס יידישע פאָלק״. מיר געפינען אין אים פאָלגנדיקן „אני מאמין״, וועלכער איז דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דעם גאַנצן רעפעראַט:

„ישראל איז געווען, איז און דאַרף זיין דאָס גרעסטע גע־מיינזאַמע ווערק פון דער יידישער קהילה וואָס לעבט אין ישראל, און פון דעם יידישן פאָלק אין חוץ־לארץ, וועלכן איך וועל מיט כוונה אָנרופן: גלות. די באַציונג צווישן דעם ישוב וואָס לעבט אין ישראל און דעם טייל פונם פאָלק, וואָס לעבט נישט אין איר, מוז זיין אַ באַציונג פון ענגסטער קאָאָפּעראַציע, פון שותפים און נישט פון מיט־העלפער. דאָס מיינט — צווישן דעם פאָלק וואָס בויט זיין היימלאַנד, און ער שליסט איין בלויז ישראל־בירגער, און פריינט פון ישראל, מיטהעלפער, וועלכע בילדן די טיילן פונם פאָלק אין גאַר דער וועלט. לויט מיין מיינונג, הענ־געו אָפּ דער גורל פון ישראל און דער גורל פון יידישן פאָלק פון דער דאָזיקער שותפות, פון אונדזער געמיינ־זאַמען אָנשטרענגג און פון אַלע קומענדיקע יידישע דורות. דער דורכפאַל פון דער דאָזיקער שותפות, וועלכע איז אַן אייגנאַרטיקע אין דער געשיכטע, וועט, לויט מיין מיינונג, זיין דער גרעסטער אומגליק פאַר ישראל און פאַרן יידישן פאָלק, און וועט ענדלעך פאַרטושן די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער געשיכטע און וועט פאַרקריפּלען דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער גרויסער עפּאָפּייע פון אונדזער גורל, וועלכער איז רייך אין העראָיזם און אין טראַגישקייט.

וואָס בעסער די פראַגע פון פאַרבינדונג וועט געלייזט ווערן, וועט עס ברענגען צו אַ גרעסערער נאָרמאַליזאַציע אין אונדזער לעבן און וועט דערמעגלעכן פאַר ישראל און פאַרן יידישן פאָלק אָנצוהאַלטן דאָס אינרלעכע געפיל פון

אונדזער פאַרגאַנגענהייט און די גורל־שותפות אין אַ פּרוכטבאַרער און דערהויבענער פאָרם״.

וועגן דעם איינפלוס פון דער מדינה אויף דעם המשך פון דער יידישער עקזיסטענץ אין גלות און וועגן דער פּאָזיציע פון דער מדינה אינם לעבן פונם דורכשניטלעכן ייד אין גלות, האָט ד״ר גאָלדמאַן געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„איך האָב שווערע ספקות, צי אין גלות איז מעגלעך אַ יידישער המשך, סיידן ישראל וועט דערפילן איר אויפגאַבע און שפּילן די זעלבע צענטראַלע ראָלע, וואָס עס האָט געשפּילט דאָס יידנטום פון מזרח־אייראָפּע און וועט דורך איר עקזיסטענץ קעגנווירקן דעם שטילן פּראָצעס פון אַסימילאַציע. אַ יידישער יוגנטלעכער וואָס לעבט באַקוועם און אין רייכקייט אין גלות, און עס זיינען נישט פאַראַן קיין גרויסע לאָזונגען אָדער געדאַנקען, וואָס זאָלן אים דערמאָנען זיין יידישקייט און איר געבן אַ געוויסן זין — וועט דאָס אַלץ קענען געפינען אין ישראל.

לערנענדיק העברעאיש און קומענדיק אין באַריר מיט דער ישראל־קולטור, וועט פאַר אים געעפנט ווערן אַ נייער קוואַל פון אמתע ווערטן, און נישט נאָר פון ביכער, דרשות, רעזאָלוציעס און פּראָגראַמען. געדאַנקען דעצידירן נישט אין לעבן פון אַ פאָלק, סיידן זיי ווערן רעאַליזירט אין דער ווירקלעכקייט. אַ פילאָזאָף קען לעבן אויף אַבסטראַקטע געדאַנקען, אָבער אַ פאָלק נישט. דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום איז געווען שטאַרק און שאַפעריש, נישט צוליב זיין טעאָרעטישער דבקות אין דער יידישער רעליגיע און קולטור, נאָר ווייל זיין טאָג־טעגלעך לעבן איז געווען לויטן תלמוד און שולחן־ערוך. נאָר ישראל קען ליפערן פאַר דעם גלות געדאַנקען פון אַ ווירקלעכקייט. דאָ דאַרף מען נישט שטודירן, וואָס איז אַזוינס יידנטום. דאָס זעט מען. די יידישקייט דריקט זיך אויס אין הונדערט און איין וועגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און נאָר די שותפות אין דער דאָזיקער ווירקלעכקייט קען זיין אַן ערנסט־

ראַנגיקע טרייב־קראַפט צו יידישער המשכ'דיקייט אין גלות.

פון ערשטן מאָמענט אָן זינט ישראל איז אויפגעקומען, איז דער דאָזיקער נייער שטאַלץ געוואָרן דער גרעסטער נוצן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פון אים אַרויסגענומען. אַ קעמפעריש פאָלק, וואָס וואָגט און שאַפט — דאָס איז אַ שטאָלץ מער נאָרמאַל אפילו פון יענער איבערגעטרי־בענער און פּאַראַדאָקסאַלער פאַרגיטיקונג פון די יידן אין געטאָ. צי האָבן מיר פאַרגעסן, ווי אַזוי איז יעדער ייד אין דער וועלט אַרומגעגאַנגען בעת דער באַפרייונגס־מלחמה, ווען די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן וועגן יידישע נצחו־נות? ער האָט זיך פּלוצלינג אויסגעגלייכט אין זיין זעלבסט־אָפּשאַצונג. דאָס יידנטום וואָלט פון פּסיכאָלאָגישן אַספּעקט פאַרמשפט געוואָרן צום אונטערגאַנג ווען נישט די דאָזיקע קאָלעקטיווע שטאָלצקייט.

דעם דאָזיקן אַספּעקט, צוזאַמען מיט די גייסטיקע קולטור־ווערטן, וואָס דער יידישער גלות קען באַקומען קודם־כל פון ישראל, פאַרפונדעווען מיין איבערצייגונג, אַז אָן ישראל איז נישטאָ קיין אמתע צוקונפט פאַר דעם יידישן פאָלק. דער דאָזיקער קשר מיט ישראל, וואָס באַדייט אויפבלי' פאַר ישראל און פאַר דעם גלות צוזאַמען, הענגט אָפּ פון אָנהאַלטן באַציונגען פון אמתער שותפות, וועלכע באַזירן אויף קעגנזייטיקער אחריות".

יידן זוכן אין ישראל יידישקייט

מיט אַ טייל פון ד"ר גאָלדמאַנ'ס מיינונגען דיסקוטירט הרב צ. מ. נריה:

„ד"ר גאָלדמאַן מאַכט אַ טעות ווען ער זאָגט, אַז מדינת ישראל וועט זיין אַ דערזאַץ פאַר טראַדיציע און פאַר רע־

ליגיעזן לעבן, ווייל יעדער ייד וואָס וועט קומען אין דער מדינה, וועט געפינען, אַז דאָ זיינען פאַראַן אַ סך, אַ סך יידישע זאַכן. ווייל עס וועלן אַהער קומען יידן פון אַמע־ריקע און זען, וואָס איז אַזוינס יידישקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין טאָג־טעגלעכע פאָרמען, וואָס זיינען יידן אין אַן אמתן און נאָרמאַלן לעבן. ניין, דאָ וועלן זיי טאַקע זען יידן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין תל־אביב, אין משמר־העמק, אין כפר־הרואה און אין כפר־ויתקין זעט מען יידן, אָבער מיר רעדן נישט וועגן יידן, נאָר וועגן יידישקייט. די אַמעריקאַנער יידן קומען נישט אַהער זוכן יידן. יידן זעען זיי אין איסט־סייד און אין ברוקלין. דאָרט זעען זיי אַ סך, אַ סך יידן, אָבער מיר רעדן נישט וועגן „העברעער און נישט וועגן יידן, נאָר וועגן יידישקייט". דאָס האָבן די יידן פון אַמעריקע נישט געפונען אין מדינת ישראל, וועל־כע טרייסלט זיך אָפּ פון דער גאַנצער גייסטיקער ירושה פון תורה און מצוות".

נישט נעמער און געבער

וועגן דער קעגנזייטיקער השפעה צווישן ישראל און דעם וועלט־יידנטום האָט געזאָגט **ר. גארדיס:**

„מיר מוזן אָפּוואַרפן די הנחה, אַז אין ענינים פון מאַטעריע איז דער גלות דער געבער און ישראל דער נעמער, און אין ענינים פון גייסט — איז ישראל דער געבער און דער גלות דער נעמער. עס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז נאָר דער וואָס גיט פון זיך אַרויס, נעמט אויך אין זיך אַריין. נאָר אַ קעגנזייטיקע השפעה האָט אַ באַדייטונג. די פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרן אין ישראל האָבן שוין באַוויזן, אַז די וויכ־טיקע שאַפערישע כוחות אין לאַנד וועלן געניסן פון דער אַרבעט פון פאַרשער און דענקער, וואָס וועלן קומען פון

חוץ־לארץ. מען דאַרף דעריבער ברענגען קיין ישראל פון די פּעאיקסטע זין פונם גלות־יידנטום זיי זאָלן אַליין לער־נען, לערנען אַנדערע און באַאיינפלוסן מיט זייער גייסט זייערע ברידער אינם היימלאַנד. די באַטייליקונג פון שאַ־פערישע כוחות אין חוץ־לארץ קען אויסמיידן די טרויע־ריקע דערשיינונג, וועלכע לאָזט זיך מערקן אין ישראל — דעם פּרווו צונישט צו מאַכן די באַדייטונג פון דער לאַנ־גער יידישער געשיכטע אין גלות ווי אַ ווערטלאָזן עפּיזאָד. דווקא אין צייטן פון אויפבלי און זעלבסט־זיכערקייט דאַרף מען אונטערשטרייכן דעם „אתם המעט מכל העמים״, אַז מיר זיינען דאָס קלענסטע פאָלק און פאַר אונדז פּאַסט זיך נישט נאַציאָנאַלע גאווה און קאָקעטעריע. מען דאַרף האָפן, אַז דורך דער קעגנזייטיקער השפּעה צווישן ישראל און דעם גלות, וועט ישראל ברענגען אַ וויכטיקן בייטראַג ביים אונטערשטרייכן דאָס יידישע פּינטעלע אין די גלות־לענ־דער און פאַרטיפן דעם יידישן אינהאַלט אין דעם לעבן פון אונדזערע צעוואָרפענע ברידער.

פון דער אַנדערער זייט, אַדאַנק זייער ספּעציפישער לאַגע זיינען די יידן פון די תפוצות אימשטאַנד צו באַטאָנען די אַל־מענטשלעכע טראַדיציע, וואָס ליגט אינם יידנטום. אַ סך נישט־יידישע פאַרשער האָבן נישט געקענט פאַרשטיין די ביידע נייגונגען אינם יידישן גייסט, דעם אוניווערסאַ־ליזם און דעם נאַציאָנאַליזם, און די פרוכטבאַרע געש־פאַנטקייט צווישן די ביידע, און דעריבער האָבן זיי גע־פרווט פּסלען אָדער פאַרלייקענען איין נטיה אָדער די צווייטע. מיר וועלן באַגיין אַן אומפאַרגעבלעכע זינד, אויב מיר וועלן פאַרלירן איינעם פון די ביידע טענער, וועלכע זיינען פאַראַן אין דער טראַדיציע. דאָס פאַרפליכטעט יעדן איינעם פון אונדז צו זיין אי אַ מענטש, אי אַ ייד ביי זיך אין שטוב און גלייכצייטיק אַרויסגייענדיק אין גאַס״.

אמת זעלבשטענדיק יידיש לעבן — נאָר אין ישראל

אין זיין רעפעראַט „די מדינה און דער גלות" האָט **משה שרת** *) זיך אָפּגעשטעלט אויף די פליכטן פון דער מדינה כלפי דעם וועלט־יידנטום, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער ספּעציפישער סטרוקטור פונעם יידישן פאָלק:

„מדינת ישראל איז די איינציקע אויסקאָנדענסירונג פון אַ יידישן לעבן און פון יידישער באַוווסטזיניקייט. זי איז די איינציקע אויסקריסטאַליזירונג פון יידישער קראַפט און יידישער שאַפונגס־פעאיקייט. נאָכמער, באַוווסטזיניק אָדער נישט איז דער גלות געפּעטעט און אונטערגעוואָרפן פרעמדע, אין דער צייט ווען מדינת ישראל איז פריי. די פולשטענדיקע באַפרייונג פונם יידישן באַוווסטזיין, דער פרייער אויסדרוק פון דער יידישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם לאַנד נאָך איידער ס'איז אויפגעקומען די מדינה. ווען מיר האָבן נאָך געהייסן „ישוב", זיינען מיר פאַקטיש געווען אַ יידיש פאָלק ביי זיך אין לאַנד. ווען אונדזער צאָל איז גרעסער געוואָרן און דער אויפשוווּנג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע באַגערן האָט באַקומען פרייהייט, זיינען מיר געוואָרן דער ברען־פּונקט פונם יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט. נישט געווען נאָך אַזאַ יידישער קיבוץ ווי דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס האָט רעאַגירט מיט אַזאַ אויפטרייסלונג, מיט אַזאַ וויי־געשריי און צאָרן אויף דער קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע. נישט געווען נאָך אַ יידישער קיבוץ אין דער וועלט, וואָס האָט געקענט פרייוויליק זיך מאָביליזירן צו דער מלחמה קעגן היטלערן, ווי מיר„ בלויז לויט דעם געבאָט פון אונדזער נאַציאָנאַלן פאָלקס־ווילן. ממילא איז נישט געווען אַ יידישער קיבוץ ווי דער ישוב אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט זיך באַטראַכט פאַראַנטוואָרטלעך און באַרופן זיך אָנצושטרענגען כדי צו ראַטעווען די שארית

*) געוועזענער ישראל־פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער.

הפליטה. אין יעדן אַנדערן אָרט זיינען די יידן צעשפּרייט און צוזאַמענגעמישט מיט אַנדערע. זייערע רעאַגירונגען זיינען געפּענטעט און געשטערט און קענען נישט אַרויס־רופן קיין אָפּקלאַנג אומגעשטערטערהייט. אַדאַנק די דאָזיקע אומשטענדן ווערט ביי זיי צוגענומען אין אַ גרויסער מאָס די פרייהייט פון אַ קאָלעקטיווער פאָלקס־טעטיקייט. אַנ־דערש זעט עס אויס אין ארץ־ישראל — נאָך פאַר דער זעלבשטענדיקייט. דאָ קומט פריי צום אויסדרוק די יידישע דערשיטערונג, די יידישע אויפוואַכונג צו טאַט. דאָ זיינען יידן פריי אויסצוברעכן אין בראשית־כוואַליעס פון יידי־שער רעאַקציע. די דאָזיקע פרייהייט לייגט אַרויף פליכטן. אָבער מדינת ישראל איז נישט בלויז אַ קאָנצענטראַציע פון יידישן שטייגער און אַ ברען־פּונקט פון יידישן כבוד און שטאָלץ, וואָס איז אַליין פאַרפעסטיקט און געזיכערט, און בלויז איר איבערגעוויכט און פרייהייט לייגן אויף איר אַרויף באַזונדערע פליכטן כלפּי דעם פאָלק אין די גלות־לענדער. פאַר דער מדינה איז עס אַ לעבנס־פראַגע און אַן ערשט־ראַנגיקע עקזיסטענץ־נויטווענדיקייט צו האַלטן דאָס גאַנצע פאָלק אין אַ צושטאַנד פון פּערמאַנענטער מאָבילי־זאַציע, כדי צו דערלאַנגען איר הילף, צו פאַרשטאַרקן אינם פאָלק דאָס געפיל פון גורל׳דיקער צוגעבונדנקייט צו דער מדינה, צו שעפּן פון אים מענטשלעכע און מאַטעריעלע, פּאָליטישע און גייסטיקע פאַרשטאַרקונג פאַר איר אויפ־בוי, פאַר דער זיכערקייט און ככדי צו גאַראַנטירן די צו־קונפט פון דער מדינה״.

גלות־פאָדערונגען פון ישראל

אין פאָלגנדיקע ווערטער האָט **אסקאר הענדלין** אויסגע־דריקט די פאָדערונגען, מיט וועלכע דער גלות קומט צו ישראל:

„צוערשט וויל איך אייך זאָגן, אַז מיר ווילן שטיין אין די

ענגסטע פֿאַרבינדונגען מיט מדינת ישראל. מיר ווילן עס, ווייל מיר פֿאַרמאָגן אַ געמיינזאַמע ירושה און טראַדיציע, און ווייל מיר האַלטן, אַז פֿון די פֿאַרבינדונגען וועלן מיר רייכער ווערן און אויך איר וועט רייכער ווערן. מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי די דאָזיקע געמיינזאַמע ירושה ווערט איינוועסטירט אין פֿאַרשיידענע אומשטענדן. איך וואָלט וועלן זען אַ געוויסע קאָנקורענץ לגבי די דערגרייכונגען — ווער וועט מערער אויפֿטאָן מיט זיין חלק, מיט דעם וואָס איר און מיר האָבן אָפּגעירשנט, און צי קענען מיר העלפֿן איינער דעם אַנדערן, כדי אַרויסצובאַקומען בעסערע רעזולטאַטן פֿון דער אינוועסטיציע.

איך וויל אין קורצן מרמז־זיין אויף דער געפֿאַר. די געפֿאַר איז, אַז מיר פֿון אונדזער זייט, זאָלן זיך באַנוצן מיט דער עקזיסטענץ פֿון נאָך אַ יידנטום ווי מיט אַ פּיגור, וואָס מען זעט אין שפּיגל, און מיט וועלכער יעדער איינער פֿון די צדדים זאָל זיך רעקאָמפּאַנסירן פֿאַר זיינע דעפֿעקטן. אָט צום ביישפּיל, אַ רעליגיעזער ייד אין אַמעריקע וואָס האַלט, אַז אינם רעליגיעזן לעבן דאָרט זיינען פֿאַראַן פֿעלערן, וועט באַגיין אַ שאַרפֿן טעות, אויב ער וועט טראַכטן, אַז מדינת ישראל קען אויספֿילן דעם חסרון און דעם בלויז דערמיט, וואָס זי וועט אים געבן דאָס, וואָס ער קען זיך אַליין נישט געבן — דעם צענטער פֿאַר זיין שאַפֿערישער רעליגיעזער איבערלעבונג. פֿון דער אַנדערער זייט — איז דאָ פּלאַץ צו זאָגן, אַז די ישראלים וועלן מאַכן אַ האַרבן טעות, אויב זיי וועלן טראַכטן, אַז היות ווי עס זיינען נישטאָ גענוג מענטשן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער שאַפֿערישער אַרבעט פֿון דעראָבערן די וויסטעניש, איז דעריבער דער איינציקער צוועק פֿונם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע צו געבן דער מדינה, דאָס, וואָס די ישראל־איינוווינער קענען זיך אַליין נישט געבן. יעדער קיבוץ דאַרף זיין אונטערגעוואָרפֿן די געזעצן פֿון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, טראָץ דעם ענגן קעגנזייטיקן קשר צווישן זיי.

און צום סוף וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף דער פראַגע, וועגן וועלכער מען האָט דאָ אַ סך גערעדט:
אין וועלכער מאָס קען דער גלות העלפן דער מדינה, און אין וועלכער מאָס קען ישראל העלפן דעם גלות? קאָנקרעט געזאָגט — אין וועלכער מאָס קען די עלייה פון אַמעריקע בויען ישראל? הגם איך אַליין האַלט, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט: אַז מען קען פירן אין אַמעריקע אַ פולקאָם יידיש לעבן, וואָלט איך זיך געפרייט צו העלפן יעדן אַמעריקאַנער ייד וואָס גלויבט, אַז אין ישראל וועט ער קענען פירן אַ בעסער לעבן ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד. איך ווייס, אַז דאָס דאָזיקע געפיל איז שטאַרק פּאָפּולער צווישן די יידן אין אַמעריקע. אויב אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן יידן, וואָס ווילן קומען קיין ישראל — וועלן מיר זיי העלפן קומען, אויב מיר וועלן נאָר קענען. אויב אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן יידן, וואָס ווילן קומען קיין אַמעריקע — וועלן מיר פּרווון אַריינברענגען זיי קיין אַמעריקע. אויב עס זיינען פאַראַן אַמעריקאַנער וואָס ווילן קומען קיין ישראל — וועלן מיר זיי העלפן קומען. אויב עס זיינען פאַראַן ישראלער וואָס ווילן קומען קיין אַמעריקע — וועלן מיר פּרווון אויך דאָס צו טאָן".

אמעריקאנער יידנטום גייסטיק אפהענגיק פון ישראל

בצלאל שערמאן האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אין דער נישט-ווייטער צוקונפט וועט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום זיין גייסטיק און קולטורעל אָפּהענגיק פון מדינת ישראל:

„וואָס שייך אַמעריקע, קען מען זיכער פאָרויסזען, אַז מיט זייערע אייגענע כוחות וועלן די יידן דאָ נישט קענען אָנהאַלטן אפילו יענץ ביסל פון יידישע ווערטן, וועלכע זיינען היינט דער פונדאַמענט פון זייער יידישקייט. וואָס טי-

פער זייערע וואָרצלען וועלן ווערן אינם אַמעריקאַנער באָדן — אַלץ ענגער וועט ווערן דער מרחב פון זייער יידישער ציוויליזאַציע אין באַציונג צו דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, וועלכע ווערט שטאַרקער אין דער יידישער אייגנאַרטיקייט. נאָר די ישראל׳דיקע גייסט־שאַפונגען וועלן קענען אַביסל דעקן דעם דעפיציט, בתנאי, אַז די דאָזיקע שאַפונגען זאָלן זיין מסוגל צו באַפרידיקן די באַדערפע־נישן פונם אַמעריקאַנער ייד, און אַז ער, פון זיין זייט, זאָל אויסשמידן אין זיין נשמה אַ פעאיקייט צו געניסן פון די דאָזיקע שאַפונגען״.

*

טאָפּעלע לאָיאַליטעט — נאַטירלעכער קאָנפליקט

די פראַגע פון „טאָפּעלער לאָיאַליטעט״ אין רעזולטאַט פון אויפקום פון דער יידישער מדינה, איז נישט איינמאָל באַהאַנדלט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה־עקזיסטענץ. דער דאָזיקער פראַגע האָט **פּרץ בערנשטיין** *) געווידמעט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אַט פאַרוואָס די דיבורים וועגן טאָפּעלער לאָיאַליטעט זיינען נישט קיין שיינבאַרע און נישט דווקא בלויז ביי יידן. די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל גיט טאַקע צו דער דאָזיקער קאָמפּליקאַציע אַ געוויסע פאַרמעלע באַרעכטיקונג. פריער האָט מען צוגעשריבן צו די יידן די ערשט־ראַנגיקע לאָיאַליטעט כלפּי „זייערע מענטשן״ ד.ה. כלפּי דעם יידישן כלל; שפּעטער איז שוין דערשינען אַ פרעמדע מדינה, וועלכע האָט דאַן עקזיסטירט בלויז אין די בראַשורן. אָבער די לאָיאַליטעט צו אַ מדינה, וואָס בלויז אין געדאַנק, קען זיין נישט ווייניקער שטאַרק און אפשר נאָך שטאַרקער

---

*) געוועזענער האַנדלס־מיניסטער אין ישראל, מחבר פון אַ בוך וועגן אַנטיסעמיטיזם.

ווי צו אַ ממשות'דיקער און עקזיסטירנדיקער מדינה. אָבער שוין כמעט צען יאָר, אַז עס דערשיינט שוין די רעאַלע מדינה ווי אַ קאָנקורענט.

דער אויפטריט פון מדינת ישראל אין דער וועלט־ווירק־לעכקייט ענדערט טאַקע נישט דאָס פּראָבלעם פון גרונט. אָבער זינט מדינת ישראל איז אויפגעקומען, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון אינטערעסן־קעגנזאַצן, פון פּאָליטיק־קעגנזאַצן, פון פּאָליטישער און טעאָרעטיש אויך מיליטע־רישער קעגנערשאַפט צו מדינת ישראל מצד דער מדינה, אין וועלכער די יידן אין גלות זיינען בירגער. און אויב, ווי עס מיינט ד"ר גאָלדמאַן, אַז אַ מענטש קען זיין לאָיאַל, און ער איז פאַקטיש לאָיאַל, נישט בלויז כלפּי איין פאַק־טאָר — איז עס מעגלעך נאָר אַזוי לאַנג, ווי די דאָזיקע פאַקטאָרן קאָנקורירן נישט איינער מיטן אַנדערן און שטויסן זיך נישט צוזאַמען. אין פאַל ווען עס שאַפט זיך אַ קאָנקורענץ אָדער אַ צוזאַמענשטויס — מוז מען אויס־קלייבן צווישן די צדדים.

די פראַגע בנוגע מדינת ישראל איז נישט בלויז אַ טעאָ־רעטישע.

אמת, עס איז שווער אָנצונעמען, אַז מדינת ישראל וועט ווען עס איז זיין געצוווּנגען צו פירן מלחמה מיט אַ מדי־נה, אין וועלכער יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. אָבער צווישן די דאָזיקע מדינות זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען שטאַרק פאַרמישט אין אָנגעלעגנהייטן פונם מיטעלן מזרח און זיי קענען פירן אַ פּאָליטיק אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון ישראל, אָדער צו דעם, וואָס ישראל האַלט פאַר איר אינטערעס. אין די פרייע לענדער קען מען שטיצן אָדער זיין קעגן אַן אַנטי־ישראל'דיקער פּאָלי־טיק און אַרויסטרעטן אין דער פּרעסע און אין די פּאַר־לאַמענטן. וואָס וועט טאָן דער ייד, וועלכער קען, אין וועלכער ניט איז מאָס און מיט וועלכע ניט איז מיטלען, באַאיינפלוסן אין דער אָדער יענער ריכטונג ? די פראַגע

פון „טאָפּעלער לאָיאַליטעט“ איז דעריבער נישט קיין אויסגעטראַכטע, פאַנטאַסטישע פראַגע. און אויב זי דערשיינט ווי אַ לייכטער פּסיכאָז, מיט וועלכן אַ סך יידן אין גלות זיינען אָנגעשטעקט, איז די וועלכע באַנוצן זיך מיט דעם אַרגומענט באַוויזן בלויז, אַז אין גרונט פון אָט דעם „פּסיכאָז“ ליגט טאַקע אַ האַרבער פּסיכישער „קאָנפליקט“. אָבער אין דעם פאַל קען מען נישט אויסהיילן דעם פּסיכאָז דורך אַרויפברענגען דעם קאָנפליקט פון די אומבאַוווּסטזיניקע טיפענישן צום שיין פון פולן באַוווּסטזיין. אין דעם פאַל דאַרף מען אָפּשאַפן און ליקווידירן דעם קאָנפליקט גופא.

אָבער פאַלש מיינען די יעניקע, וואָס האַלטן, אַז דער קאָנפליקט איז אין גרונט געשאַפן געוואָרן דורך דער גרינדונג פון מדינת ישראל. ער האָט עקזיסטירט אויך פריער. די עקזיסטענץ פון דער מדינה האָט אים געמאַכט מער קאָנקרעטער. אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג אויפצוהערן רעדן וועגן טאָפּעלער לאָיאַליטעט וועט נישט אָפּשאַפן דעם קאָנפליקט, פון וועלכן די דיבורים דרינגען אַרויס. אַ נישט קלענערן טעות מאַכן אַלע יענע, וואָס מיינען, אַז דער קאָנפליקט ווערט צונישט דורך בלויזער פילאַנטראָפּישער שטיצע פאַר מדינת ישראל אָן „שותפות“ מיט איר.

די פראַגע, וואָס איר אויסערלעכער אויסדרוק איז יידישע מורא פאַר באַשולדיקונג אין טאָפּעלע לאָיאַליטעט, איז אייגנטלעך דאָס פּסיכישע פּראָבלעם פון די יידן אין גלות. די יידישע נשמה איז צעריסן דורך דער טאָפּעלער לאָיאַליטעט כלפּי דער מדינה, אין וועלכער יידן זיינען בירגער, כלפּי דעם נישט־יידישן פאָלק וואָס איז דער טרעגער פון דער מדינה, און כלפּי דעם יידישן פאָלק און זיין מדינה.

עס זיינען געווען יידן, וועלכע האָבן אין זייערע ווונ־לענדער גענאָסן פון אַלע רעכט און פון פולער פרייהייט, און האָבן געוואָלט זיך באַפרייען פון אָט דעם קאָנפליקט. זיי זיינען געוואָרן ציוניסטן און זיינען עולה־געווען קיין ארץ־

ישראל. דאָ עקזיסטירט נישט דער דאָזיקער קאָנפליקט. די, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין מדינת ישראל אָדער אין ארץ־ישראל, פאַרשטייען בכלל נישט דעם קאָנפליקט".

ישראל־צענטריזם אין דער יידישער דערציונג

משה ווינגאַרטן האָט אַרויסגעבראַכט די צענטראַלישקייט פון מדינת ישראל ווי אַ יסוד פאַר דער יידישער דערציונג אין די פאַראייניקטע־שטאַטן:

„וואָס דאַרף זיין דער ווינקל־שטיין פון דער יידישער דערציונג אין אַמעריקע? איך האַלט, אַז דער ווינקל־שטיין דאַרף זיין: אַוועקשטעלן דעם תלמיד פאַר דעם געראַנגל און פאַר דער אַנטשיידונג אין דער פראַגע: צי נעמסטו אָן פערזענלעך אין דיין לעבן די צענטראַלישקייט פון מדי־נת ישראל? דאָס איז די פראַגע. מען קען נישט לערנען לכתחילה און מיט כוונה, אַז ארץ־ישראל איז דער צענ־טער. אויב אָבער מען זאָגט, אַז דאָס איז דער צענטער — איז נישט גענוג צו דערציען אַ גאַנצן ייד, וועלכער זאָל טעאָרעטיש זיין באַהאַוונט אין יידישע ענינים. דאָס איז נישט גענוג. דער דערציער דאַרף אַוועקשטעלן דעם תלמיד פאַר אַ פּראַקטישער אַנטשיידונג. און איך גלויב, אַז אפילו דער וואָס אַמפּערט זיך און באַשליסט, אַז ער איז נישט עולה קיין ישראל — וועט, אַדאַנק אַט דעם געראַנגל, אויך זיין אַ באַפרוכפּערנדיקער כוח אינם אַמעריקאַנער יידנטום. אין אַט דער אומרואיקייט גופא, אין אַט דער אומבאַקוועמלעכקייט — אַז טראַצדעם וואָס ארץ־ישראל איז דער צענטער, פונדעסטוועגן, צוליב כל־מיני סיבות האָב איך נישט גענומען אויף זיך די פליכט וואָס דער צענטער לייגט אַרויף — שטעקט אַ שטאַרקער סטימול פאַר דער עקזיסטענץ פונם אַמעריקאַנער יידנטום.

אַרום דעם גייט אָן, לויט מיין מיינונג, די דיסקוסיע. עס

איז נישט קיין פראַגע פון פאַרניינען דעם גלות, נאָר אין וועלכער מאָס איז מען גרייט פּאָזיטיוו אויפצונעמען די גאולה. דאָס איז דאָס פּראָבלעם".

דינאַמיזם אין די באַציונגען גלות־ישראל

וועגן דעם דינאַמיזם אין די באַציונגען צווישן ישראל און דעם גלות האָט גערעדט **חיים פינקעלשטיין**:

„די באַציונגען צווישן מדינת ישראל און די גלות־לענדער זיינען נישט קיין סטאַטישע נאָר דינאַמישע. אויך די כמות׳דיקע מאָסן זיינען נישט קיין סטאַבילע. יאָר־יערלעך וואַקסט דער פּאַרנעם פון די יידן אין מדינת ישראל לגבי דער צאָל יידן אין די תפוצות, און מיר האָפן, אַז ער וועט נאָך מער וואַקסן. מיר דאַרפן אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז עס איז מעגלעך, אַז נומעריש זאָל די צאָל יידן אין די תפוצות גאָרנישט קלענער ווערן. אויב אין די קומענדיקע צען יאָר וועט אַ מיליאָן יידן עולה־זיין קיין ישראל — און לאָמיר האָפן אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין — וועט די דאָזיקע צאָל אין גלות געדעקט ווערן אפשר אפילו מיט אַן איבערשוס, דורך דעם נאַטירלעכן צוזוואוקס. דאָס הייסט, אַז אויב די עלייה וועט אין דער נאָענטער צייט ברענגען קיין ישראל נאָך אַ מיליאָן יידן, און נאָך אים דעם צווייטן און דריטן מיליאָן — וועט אין צען, צוואַנציק, אָדער דרייסיק יאָר אַרום — אויב עס וועלן, חלילה, נישט געשען קיין באַזונדערע אומגליקן — בלייבן אין גלות בערך די זעלבע צאָל ווי היינט. אָט יענע מיליאָנען יידן, וואָס וועלן בלייבן מוזן מיר האָבן פאַר אונדזער אויג, סיי פאַר זייער טובה־וועגן, סיי לטובת דער צוקונפט פונם יידישן פאָלק.

פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע וואָס מיינען, אַז די עקזיס־טענץ פון מדינת ישראל וועט ממילא שטאַרקן דאָס יידישע

לעבן אין די תפוצות. זיי זאָגן: אויב אין משך פון 2000 יאָר האָט דאָס פאָלק געקענט אויפהאַלטן אַן אייגן לעבן אָן אַ מדינה, איצט, ווען אַ מדינה איז פאַראַן, וועט די עקזיסטענץ פון די גלות-לענדער זיין אַ סך לייכטער און זיכערער. כ'האָב מורא, אַז דאָס איז אַן אויבערפלעכלעכער קוק. גאַנץ מעגלעך, אַז דווקא ווען די מדינה עקזיסטירט, וועט דאָס אין גלות-געבליבענע פאָלק אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון יידישקייט.

דער איינציקער וועג איז — דורך דערציונג גייסטיק און קולטורעל אויפצוהויבן די יוגנט. עס איז נישט קיין צו־פאַל, וואָס פון יענע לענדער, ווו עס איז פאַראַן אַ טיפערע נאַציאָנאַלע דערציונג, קומט אויך אַ גרעסערע צאָל פון יוגנטלעכע קיין ישראל. אויף ווייפל אונדז וועט געלונגען צו פאַרפלאַנצן אין דער יוגנט די קולטור און די גייסטיקע ווערטן פונם פאָלק, דעם שאַפונגס-פּראָדוקט פון אַלע דו־רות ביז היינט; אין דער מאָס וואָס זי וועט בעסער קענען תנ"ך, העבּרעאישע ליטעראַטור און דאָס ישראל־לעבן מיט דער גבורה און מיט די וועלטלעכע ווערטן, וואָס שעפּן זייער יניקה פון די העכסטע הומאַנישע פּרינציפּן — וועט אין דער יוגנט אויפקומען אַ באַדערפעניש און אַ שטרעבונג צו וועלן קומען קיין ישראל. אויב מיר וועלן ברענגען הונדערטער, וועלן די טויזנטער קומען פון זיך אַליין. דער מענטשלעכער קאָנטאַקט פון די וואָס קומען קיין ישראל, מיט זייערע פאַמיליעס, חברים און פריינט — איז אַ קאָלאָסאַלער כוח. דאָס האָבן מיר געזען אין די לעצטע צען יאָר.

אַן אַנדערער וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס קען פאַרשנעלערן אָדער פאַרלאַנגזאַמערן דעם עלייה-פּראָצעס, איז דער אינ־האַלט און כאַראַקטער פון דער מדינה. פאַרלויפיק קומט פון דרום-אַמעריקע כמעט בלויז אַ חלוצישע עלייה. די עלייה פון יונגע מענטשן באַדייט אַ רעוואָלוציע אין זייער לעבן, אַן אויפשטאַנד קעגן דער סביבה, קעגן באַקוועמע

באַדינגונגען, קעגן דער אייגענער משפחה. די דאָזיקע רע־וואָלוציע הויבט אויף דעם יוגנטלעכן אויף די פליגלען פון אַ גרויסן אידעאַל פון נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און מענטשלעכער באַפרייונג. די דאָזיקע רעוואָלוציע מוז האָבן אַ דעקונג אין ישראל. אין דער מדינה זיינען טאַקע פאַראַן אַזעלכע כוחות, וועלכע לייגן פאַר אַ ביישפיללאָזע דעקונג... אָבער גלייכצייטיק ווייס איך, אַז פאַרלויפיק מאַכן זיי אויס נישט מער ווי 50% אין דער מדינה. שוין יאָרן מאַטערן מיך די ווערטער פונם שרייבער, אַז עס איז פיל לייכטער צו ברענגען חלוצים פאַרן נגב פון בוענאָס־איירעס איידער פון תל־אביב. אויב דער חלוצישער גייסט אין ישראל וועט פאַרשווינדן — צי וועט ער ווייטער קענען עקזיסטירן אין חוץ־לארץ ?"

די מדינה און דער אויפהאלט פונם פאלק

פאָלגנדיקע ווערטער פון נתן ראָטנשטרייך בעתן שליסן די קאָנפערענץ אַנטהאַלטן דעם סך־הכל פון די באַהאַנדלונגען בנוגע דער פּאָזיציע פון מדינת ישראל אינם וועלט־יידנטום:

„וואָס נוגע מדינת ישראל און איר פּאָזיציע — דוכט זיך, אַז דער וואָרצל פון אונדזערע דיסקוסיעס שטעקט אין דעם פאַקט, וואָס אינם מאָמענט ווען עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל, וועלכע איז געווען פאַרויסגעזען ווי אַ לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע, האָט די דאָזיקע פראַגע נאָכנישט געפונען איר לייזונג. די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן, נישט ביים אָפּשלוס פונם פּראָצעס, וואָס פירט צו דער לייזונג פון דער יידנפראַגע, נאָר אפשר אין אָנהויב פון אָט דעם פּראָצעס. עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ ווירקלעכקייט, וואָס קיינער האָט זי נישט פאָרויסגעזען. אַ ווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר האָבן אַ יידישע עקזיס־

טענץ מיט אַמאָל אויף פאַרשיידענע פלאַכן: אויף דעם פלאַך וואָס מיר גלויבן, אַז ער איז די לייזונג, און אויף אַ צווייטן פלאַך אַ גאָר אַנדערן, אין וועלכן אייניקע זעען דאָס פּראָבלעם און אַנדערע זעען אין אים אויך די לייזונג.

מדינת ישראל איז נישט בלויז אַן אינסטרומענט אויפצוהויבן די קולטור פונם מענטש, ווי יעדע מדינה דאַרף עס זיין. זי איז אויך אַן אינסטרומענט צו אַ מער עלעמענטאַרער שטרעבונג, וועלכע זי האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט לייזן דורך איר עצם גרינדונג — דאָס איז די שטרעבונג אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ווי אַ מענטשלעכע־נאַציאָנאַלע גרופּע. די שוועריקייט אין אונדזערע אינערלעכע דעבאַטן באַשטייט אין דעם, וואָס אַ סך פון אונדז האַלטן, אַז די עצם ווירקלעכקייט פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן קיום איז שוין מרמז אויף דער לייזונג, און אַז פון דער ווירקלעכקייט גופא קען מען אַרויסלערנען, וואָס איז די יידן־פּראַגע, וועלכע מען דאַרף לייזן. אַנדערע ווידער זיינען נוטה צו טראַכטן, אַז עס איז נישט אַזוי, נאָר עס קען זיין, אַז מדינת ישראל זאָל האָבן פאַר די יידן בלויז אַן עמאָציאָנעלע און סימבאָלישע באַדייטונג. אַביסל וויצלעריש קען מען זאָגן, אַז אין אונדזער דור איז געשען אַ זאַך, וואָס קיינער האָט אויף איר נישט געוואַרט — אַז הערצלס חלום שפּילט איצט אַ ראָלע לויט אחד־העמ׳ס אויפפאַסונג. מדינת ישראל ווי אַ פּאָליטישער וועזן דערפילט אין אַ געוויסער הינזיכט איין פונקציע, וועלכע אחד־העם האָט צוגעשריבן דעם גייסטיקן צענטער; נישט גייסטיקייט אין זין פון שאַפונגס־כוחות, פון ווערטן, פון געדאַנקען, נאָר גייסטיקייט — און אויך דער אַספּעקט איז פאַראַן אינם געדאַנק פונם גייסטיקן צענטער — וואָס מיינט אַלץ וואָס איז נישט פיזיש, וואָס איז נישט באַזירט אויף פיזישער, געאָגראַפישער און פּאָליטישער אַנוועזנהייט״.

קאפיטל 4

א יידישע אידעאָלאָגיע פאַר אונדזער צייט

די ערשטע אַלוועלטלעכע אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן פאַר טעאָרעטישע צוועקן פון אַנאַליזירן און באַטראַכטן, אָבער אין האַרצן פון די איניציאַטאָרן און באַטייליקטע האָט געגעסטעט אַ נישט קליינע האָפנונג, אַז אויף דער קאָנפערענץ וועלן אויסקריסטאַליזירט ווערן טעזיסן פאַר אַ ציוניסטישער אָדער אַלגעמיין יידישער אידעאָלאָגיע, וועלכע זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אונדזער היינטיקער צייט. דערויף האָבן, ווייזט אויס, מרמז געווען די ווערטער פון זלמן שזר אויף דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ:

„די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ איז צו פאַרשן און זאָגן אונדז: וואָס דאַרף מען טאָן, אַז די געשעענישן אין אונדזער געשיכטע זאָלן פאַרקומען אַזוי ווי מיר ווילן זיי זאָלן זיין״?

עטלעכע פון די אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ האָבן טאַקע געפרווט פאַרצושטעלן אידעאָלאָגישע ריכטליניעס, אָדער אַ גאַנצע אידעאָלאָגיע. אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען מרדכי מ. קפּלן *), וועלכער האָט געזאָגט ווי פאָלגנדיק וועגן דעם אָרט פון דער אידעאָלאָגיע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק:

---

*) פּראָפעסאָר אינם רבנים־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, דער פירער פון דער רעקאָנסטראַקשיאָניזם־באַוועגונג.

„יעדעס מאָל ווען אונדזערע עלטערן האָבן עפּנטלעך גע־נומען אויף זיך פּרינציפּן און פליכטן, לויט וועלכע זיי זאָלן האַנדלען ווי אַ פאָלק, איז דאָס יידנטום דערגאַנגען צו אַ נייעם עטאַפּ פון זיין אַנטוויקלונג. סיי דאָס זיינען געווען שוין פון פריער באַקאַנטע פּרינציפּן און פליכטן, אָדער זיי זיינען פונדאָסניי אַנטדעקט געוואָרן. דער פאַקט גופא, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן זיי אָנגענומען פון זייער אייגענעם ווילן און באַוווסטזיין, איז געווען גענוג, כדי אַריינצוברענ־גען אַן ענדערונג אין דער נשמה פון דעם גאַנצן פאָלק און מאַכן פון אים אַ נייַ באַשעפעניש . . .

די בולטע, הגם נישט די ערשטע, געשעעניש אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט עפּנטלעך דעמאָנסטרירט אַן „אידעאָלאָגיע", און וועלכע האָט געמאַכט פון אונדזער פאָלק אַ נייע סאָציאַלע פאַראייניקונג, איז געשען אין דער צייט פון עזרא און נחמיה, ווען די יידן אין ירושלים האָבן געשלאָסן אַ פאַקט און זיך פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די גע־זעצן פון תורת משה. אין רעזולטאַט פון יענער דעמאָנ־סטראַציע איז אונדזער פאָלק געוואָרן אַ קירכלעך פאָלק, אַנשטאָט וואָס פריער איז ער געווען בלויז נאָענט צו רע־ליגיע. אין הונדערטער יאָרן אַרום זיינען מיר געוואָרן אַ ביישפּיל פאַרן קריסטנטום און פאַרן איסלאַם, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן זייערע גלויביקע. אייגנטלעך דאַרף מען אַריינ־רעכענען די פאַקטן אָדער בונדן, וואָס די בני ישראל האָבן געשלאָסן אויך פריער, ווי, צום ביישפּיל, אין די צייטן פון משה אויפן באַרג סיני, אין דער צייט פון יהושע אין שכם, אין דער צייט פון יאשיהו אין ירושלים. דאָס זיינען געווען דעמאָנסטראַציעס מצד דעם פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרפליכטעט צו אָרדנען זיין לעבן לויט אַ באַשטימטער קאָנסטיטוציע פון גלויבנס און געזעצן. און היות ווי די פאַרפליכטונג איז געווען פון אייגענעם רצון און נישט פון צוואַנג, איז די דאָזיקע קאָנסטיטוציע געווען אַ פאַקטאָר, וואָס האָט פאַראייניקט די יידן אין איין בלאָק, וועלכן עס

האָבן נישט דערשיטערט אַלע צעשטערנדיקע כוחות, וואָס האָבן געווירקט אַרום אונדזער פאָלק".

א פראגראם פאר א וועלט־פאלק

אַן אַנדייט אויף די אָנשויונגען פון מרדכי מ. קפּלן וועגן דער אידעאָלאָגיע, וועלכע מיר דאַרפן היינט האָבן, געפינען מיר אין זיינע פאָלגנדיקע ווערטער:

„אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען מיר געווען אַ באַזונדערע געזעלשאַפט מיט אַ געמיינזאַמער און טיפער זעלבסט־באַוווסטזיניקייט. יעדער איינער פון די יחידים פון דער געזעלשאַפט איז געווען דורכגענומען מיט דעם געפיל פון אחדות און קעגנזייטיקער אחריות, וועלכער איז געווען דער מאַטעריאַל פאַר אונדזערע גלויבנס, פאַר אונדזערע ווערטן און האָפנונגען. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך נאָכ־נישט אויסגעוועבט. מיר דאַרפן ווידער אים באַלעבן, כדי מיר זאָלן ווידער זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געווען. אַ פאָלק ווי ער איז דעפינירט דורך דעם שרייבער פעדערסאָן אין זיין בוך „ישראל":

„אַ פאָלק", זאָגט ער, „איז נישט נאָר אַ קאָלעקטיוו פון מער וויניקער ענלעכע מענטשן. אַ פאָלק איז אַ פּסיכישע גרופּע, וואָס איז פון דרויסן נישט אָנזעעוודיק. אַלע אי־בערלעבונגען, וועלכע זיינען געמיינזאַם פאַר דער גרופּע, גיסן זיך צונויף אין אַ געמיינזאַמע נשמה און גיבן דער גרופּע אַ געשטאַלט און אַן'אינהאַלט. אויף דעם וועג ווערט געשאַפן אַ פּסיכישער פאַרמעגן, וואָס גייט איבער בירושה פון דור צו דור, ווערט שטענדיק באַנייט און באַאיינפלוסט פון נייע איבערלעבונגען. אַזוי אַרום ווערט דאָס פאָלק פונדאַסניי פאַרווירקלעכט אין יעדן דור. און דאָך שטייט ער ווי איבער די דורות, ווי אַ זאַך, וואָס ווערט זיי געגעבן און וואָס פאָדערט פון זיי געוויסע פאָדערונגען. דער קשר צווישן די דורות פון דעם פאָלק איז נישט וויניקער אינ־

טים ווי דער קשר צווישן דורות פון דער פאַמיליע. סיי די נשמה פון דעם פאָלק, סיי די נשמה פון דער משפּחה גע־הערן אין אַ גלייכער מאָס צו דעם יחיד. זיי אונטערשיידן זיך בלויז מיט זייער אינהאַלט".

די תפילה, מיט וועלכער מען בענטשט דעם חודש, ענ־דיקט זיך מיט די ווערטער „חברים כל ישראל". וואָס באַדייט די דאָזיקע חברשאַפט? אַן אַמעריקאַנער פילאָזאָף דעפינירט זי ווי פאָלגנדיק: זי באַזירט אויף קעגנזייטיקער אינטעלעקטועלער פאַרשטענדעניש, עמאָציאָנעלער מיט־באַטייליקונג פון איין מענטש מיטן צווייטן און אויף דער פעאיקייט צו מוסרן איינער דעם צווייטן, אַרויסווייזנדיק דערביי פאַרשטענדעניש און אַ ווילן צו העלפן. די דאָזיקע חברשאַפט אַנטהאַלט אין זיך אויך דעם טאַלאַנט און דעם ווילן צוזאַמען צו אַרבעטן, כדי אָפּצוהיטן דאָס גוטע וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרן און כדי צו שאַפן באַדינגונגען וועלכע זיינען נויטיק כדי ווייטער צו קולטיווירן דאָס גוטע.

אויף אַט דער קאָנפערענץ דאַרפן מיר סטימולירן די פּי־רער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, זיי זאָלן אַרויס פון איר ראַם און אויסברייי־טערן איר פאַרנעם. פון איצט אָן דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג זאָרגן, נישט נאָר פאַר דער זיכערקייט פון מדי־נת ישראל, נאָר אויך פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק און פאַר זיין אייניקייט אומעטום, פאַר זיין פּאָזיציע און שטעלונג כלפּי דער וועלט און פאַר דער באַנייונג פון זיין גייסטיקער ירושה, ווי אַ בונד, וואָס פאַראייניקט די עדות אין דער יידישער צעוואָרפנקייט איינער מיט דער אַנדערער, און אַלע צוזאַמען — מיט דער יידישער עדה אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע צילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאָדערן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער באַ־ציונג צום יידנטום אין די גלות־לענדער. זי מוז זיך באַ־פרייען פון דער הנחה, אַז דאָס נישט וועלן עולה־זיין קיין ישראל איז אַ גייסטיקער פאַרראַט, סיי ווען די דאָזיקע

הנחה שטיצט זיך אויף דער טראַדיציע, סיי זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ פאַלשער אויסרעכענונג".

כדי צו פאָרמולירן די נייע אידעאָלאָגיע, האָט מרדכי מ. קאַפּלאַן אַריינגעטראָגן אויספירלעכע פאָרשלאָגן:

„איך לייג פאָר עטלעכע תקנות ווי אַ פאָרבאַדינג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם אַלס אַ באַוועגונג, וואָס האָט דעם צוועק צו פאַראייניקן אַלע עדות אינם יידישן פאָלק און געבן דעם פאָלק גופא אַן אַנשטענדיקע פאָזיציע, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן אָפּצוהיטן זיין באַשטימונג:

א) עס איז נויטיק אַ באַשלוס מצד די באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ, וואָס פּראָקלאַמירט זי ווי אַ פּערמאַנענטע קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט לויטן איינזען פון די גרינדער, און וועט זיך פאַרענדיקן ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט געפינען אַ לייזונג פאַר די הויפּט־פּראָבלעמען.

ב) די הויפּט־פּראָבלעמען זיינען:

1) וואָס איז די באַציונג צווישן דעם יידישן פאָלק און מדינת ישראל?

2) וואָס איז די באַציונג צווישן דעם יידישן פאָלק און דער מדינה, אין וועלכער די יידן האָבן זיך איינגעבירגערט?

3) ווי אַזוי קען מען גרינדן אין די תפוצות אָרגאַנישע עדות, דאָס הייסט אַזעלכע געמיינדעס, ביי וועלכע די אינסטיטוציעס פון רעליגיע, דערציונג, קולטור, סאָציאַלע אַרבעט א.א.וו. וועלן בילדן איין פאַראייניקטע נעץ, כדי אַזוי אַרום זאָל די עדה אָפּהיטן איר איינקייט און באַנייען אין האַרצן פון אירע איינצלנע מיטגלידער דאָס געפיל פון צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק אין אַלגעמיין.

4) אויסאַרבעטן פּלענער פאַר קעגנזייטיקער פאַר־בינדונג צווישן די עדות אין חוץ־לאַרץ און צווישן די אַלע צוזאַמען — מיט דער עדה אין ארץ־ישראל.

5) פאַרמולירן אַ קאָנסטיטוציע מיט פּרינציפּן און געזעצן, וועלכע זאָלן העלפן די יידן אומעטום אָפּצוהיטן זייער איינקייט, זייער פּאָזיציע און זייער באַשטימונג.

ג) באַשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פאַרלייגן פּראַקטישע מיטלען, ווי אַזוי מיטצובאַטייליקן אַ וויכטיקן טייל פונם פאָלק אין רעאַליזירן די רעזאָלוציעס פון דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ.

ד) כדי פאַרויסצוברענגען די פאַרווירקלעכונג פון די קאָנפערענץ־רעזאָלוציעס וועט אינצווישן איינגעפירט ווערן אַ צערעמאָניאַל פאַר יעדן ייד, וואָס דערגייט צום עלטער פון פולער רייפקייט. דורך דעם צערע־מאָניאַל וועט ער קענען לערנען און פאַרשטיין די וויכטיקייט דערפון, וואָס מיר זיינען ווידער איין פאָלק, כדי מיר זאָלן פאַרזעצן אונדזער היסטאָרישע עקזיס־טענץ און פאַרנעמען אַ ריכטיקן פּלאַץ אינם פּראָג־רעס פון דער מענטשהייט.

די אויבן־דערמאָנטע תקנות זיינען בלויז אַ טייל פון דעם, וואָס מען דאַרף פאַרלייגן. אַלע באַטראַכטונגען און מיי־נונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען ווי אַ דראַנג צו שאַפן אַ באַשטימטע הלכה אָדער לעבנס־וועג, וועלכער זאָל העלפן אונדזער פאָלק צו לעבן און וואַקסן ווי איין פאָלק אין דער וועלט״.

מנחם דורמן האָט געווידמעט פאָלגנדיקע ווערטער דער אידעאָלאָגישער אויפקלערונג:

„די אידעאָלאָגישע אויפקלערונג פונם ציוניזם אין דעם מאָמענט ליגט אין דער פראַגע, צי איז עס ריכטיק, אַז עס ווערט פאַרענדיקט, אין אַ כסדר שטייגנדיקן טעמפּאָ, אַ זייער לאַנגע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, די עפּאָכע פון זיין אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק מיט אַ סאָציאַלער סטרוקטור, וואָס קען זיך נישט אויסהאַלטן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען? ווען אויף אָט דער פראַגע ווערט געגעבן אַ נעגאַטיווער ענטפער, דער ענטפער פון פאָזיטיווער באַציונג צום גלות, און מעגן די פאָרמען פון דעם פאָזיטיוויזם זיין וועלכע ניט איז, אין דעם מאָמענט ווערט צוגענומען דער זין פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ריכטיק, דער פּראָצעס פון אַרויסנעמען די יידן פונם גלות וועט מוזן פאַרגעזעצט ווערן, סיי עס עקזיסטירט אַ ציוניסטישע באַוועגונג, סיי ווען זי עקזיסטירט נישט. אָבער די פראַגע איז, צי עקזיסטירט אינם יידישן פאָלק אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג, וועלכע זעט פאָרויס די אַנטוויקלונג איבער די קאָניונקטורן און איבער די קאָניונקטורעלע אילוזיעס און ציט הלכה למעשה קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער פאָרויסזעאונג? מיר שטייען נישט ביי דער ענדע פון דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם, נאָר ביי איר אָנהויב, ווייל מער ווי 85% פונם יידישן פאָלק לעבן נאָך אין גלות. צי פאַרמאָגן מיר גענוג כוח אויפצוהויבן און צו קריסטאַליזירן אַ חלוצישע קראַפט אינערהאַלב דעם סטיכישן פּראָצעס פון גלותן־ליקווידאַציע? אין מיינע אויגן איז דאָס אויך די פראַגע בנוגע דער עקזיסטענץ, צוקונפט און געשטאַלטיקונג פון מדינת ישראל".

בן־גוריונ׳ס פראגראם פארן גלות־יידנטום

אַן אַרבעטס־פּראָגראַם באַזירט אויף אַן אידעאָלאָגיע אין גייסט פון דער נייער צייט האָט דערלאַנגט **דוד בן־גוריון:**

„א) העברעאישע דערציונג, וואָס אין איר צענטער זאָל שטיין דער לימוד פון תנ״ך.

ב) פאַרשטאַרקן דעם פּערזענלעכן קשר מיט מדינת ישראל אין אַלע פאָרמען (באַזוכן, קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, דערציען קינדער, שיקן יוגנטלעכע און סטודענטן אויף אַ קירצערן אָדער לענגערן אויפהאַלט אין ישראל, חלוצישע הכשרה פון יוגנט און אינטעליגענץ, וואָס זאָל זיך אָנשליסן צו די בויער און באַשיצער פון דעם לאַנד).

ג) פאַרטיפן דעם צובונד צו דער וויזיע פון משיחישער גאולה, וואָס מיינט די וויזיע פון די נביאי ישראל וועגן יידישער און מענטשלעכער גאולה.

לויט בן־גוריונ׳ס מיינונג, זיינען פאַראַן דריי זאַכן, וועלכע קענען פאַרייניקן די דריי שטרעמונגען אין דעם רעליגיעזן יידנטום: דאָס אָרטאָדאָקסישע, דאָס קאָנסערוואַטיווע און דאָס רעפאָרם־יידנטום, און געבן אַ זין און אַ יידישע באַשטימונג אויך פאַר יענע יידן, וועלכע וועלן זיך נישט אָנשליסן צום פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות. די דריי זאַכן וועלן אויך דינען ווי אַ מאָראַלישער און קולטורעלער צעמענט, וואָס זאָלן צוזאַמענשליסן דאָס גלות־יידנטום מיט מדינת ישראל. די דריי זאַכן זיינען: אַ צובונד צו דער העברעאישער קולטור, און קודם־כל צום תנ״ך אין אָריגינאַל; אַ צובונד צו מדינת ישראל; אַ צוגעהעריקייט צו דער וויזיע פון משיחישער, יידיש־מענטשלעכער גאולה. דער דאָזיקער חוט המשולש, אין דרייען געפלאָכטענער פאָדעם, קען פאַרייניקן אַלע טיילן פונם יידנטום, אַלע שטרעמונגען און אַלע גלותן. און אויב מיר וועלן וועלן — וועט דער

דאָזיקער פאָדעם קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן״.
באַטראַכטנדיק דעם ציוניזם ווי אַ באַוועגונג און אידייע, וועלכע זיינען אידענטיש מיט דער משיחישער וויזיע, רע־זערווירט זיך דוד בן־גוריון פון דעם היינט־אָנגענומענעם ציוניזם. „יעדער וואָס נעגירט דעם גלות און זעט אַ זי־כערע מעגלעכקייט פאַר אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ פון אַ פרייען און גלייכבאַרעכטיקן יידישן פאָלק נאָר אין זיין היימלאַנד — מוז זיך רעזערווירן לגבי דעם דאָזיקן ציו־ניזם״.
דאָס האָט ער געזאָגט אין דער דיסקוסיע אַרום דער ציו־ניסטישער אויפפאַסונג. אַנשטאָט דעם אָנגעוואָרפענעם ציו־ניזם, שטעלט ער אַוועק די משיחישע וויזיע ווי פאָלגנדיק:
„די יוגנט אין ישראל נויטיקט זיך אין אַ וויזיע, וועלכע איז אי אַ יידישע, אי אַ מענטשלעכע. אָבער נישט צוויי באַזונ־דערע וויזיעס, איינע פאַר דעם ייד וואָס אין אונדז און איי־נע — פאַר דעם מענטש אין אונדז, נאָר איין אומפאַסנדיקע וויזיע, וואָס שעפּט אויס אַלע מענטשעלכע באַגערן און אַלע העכערע ווערטן, ווי דאָס האָבן צוערשט אויפגעפאַסט די נביאי ישראל.
דאָס יידישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן נישט מיט 70 יאָר צוריק. אונדזער געשיכטע הויבט זיך אָן נישט מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און נישט מיטן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויך נישט מיט דער עלייה פון ביל״ו און מיט דער גרינדונג פון פתח־תקוה און מקוה־ישראל. אונדזער געשיכטע איז אַזוי אַלט ווי דאָס פאָלק גופא. און נאָך עפּעס: די גאולה־וויזיע פון די יידישע נביי־אים האָט זיך נישט באַשרענקט בלויז אין די גרענעצן פון דעם יידישן פאָלק, נאָר איז געווען אַ גרינטלעכער איינ־טעגראַלער טייל פון דער אַלגעמיינער וויזיע. דער נביא עמוס האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן צו זיין פאָלק: „הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל, נאום ה׳״. יידן און נע־גערס זיינען גלייכע מענטשן. צוזאַמען מיט דער יידישער

גאולה האָבן אונדזערע נביאים אָנגעזאָגט די גאולה פון אַלע פעלקער, פון דער גאַנצער וועלט.
דער יוגנט אין ישראל און אויך דער יוגנט אין גלות דאַרף מען געבן אַ משיחישע גאולה־וויזיע, אַ יידישע און מענטש־לעכע גאולה, און אונדזער יוגנט איז ראוי צו נעמען אויף זיך אַזאַ אידייע. אפשר מערער ווי די יוגנט אין אַלע פריי־ערדיקע דורות איז זי פעאיק צו טראָגן די אידייע אין איר האַרצן און אויסדריקן זי אויך אין מעשים. אָבער דאָס דאַרף נישט זיין קיין אַבסטראַקטע אידייע. דער נס וואָס איז געשען אין אונדזער צייט באַשטייט דערין, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אינסטרומענט פאַר דער פאַרווירקלע־כונג פון דער גאולה־וויזיע. דער אינסטרומענט איז — מדינת ישראל ד.ה. דאָס סוווערענע פאָלק אין ישראל. דע־ריבער — דרך ארץ פאַר דער מדינה! דאָס איז נישט סתם אַן אינסטרומענט. געוויס איז דאָס אַ מכשיר. אויך אַ ספר תורה קען נישט זיין אָן פאַרמעט און אָן אותיות אויסגע־קריצט מיט טינט. אותיות פליען נישט אין דער לופטן. די תורה איז צוגעשמידט צו דער כלי, און מען דאַרף נישט גרינגשעצן קיין כלים, ווייל אָן אינסטרומענטן איז אין אונ־דזער היינטיקער וועלט גאָרנישט נישט מעגלעך. אַ מדינה איז נישט בלויז אַן אָרגאַניזאַציאָנעל מלוכה׳שע ראַם. מדי־נה באַדייט — פרייהייט, זעלבשטענדיקייט, שאַפונגס־פריי־הייט, נישט פאַרשקלאַפונג און נישט אָפּהענגיקייט. אָן אַ מדינה איז — גלות, פון וועלכן מיר זיינען אַנטלאָפן. קיין שום גלאָריפיקאַציע וואָס באַצוועקט איבערצובעטן און צו־פרידנצושטעלן די איינוווינער פון גלות, וועט אונדז נישט צוריקפירן צו אַ לעבן פון אָפענער אָדער באַהאַלטענער פאַרשקלאַפונג אין דער פרעמד. לאָמיר אָפּהיטן דעם דאָ־זיקן טייערן „אינסטרומענט״ ווי אונדזער שוואַרצאַפּל פון אויג, ווייל ער איז דער אָנהויב פון דער גאולה״.

קעגנזייטיקע אפהענגיקייט

אַן אידעאָלאָגיע וועגן אַן אמתער שותפות און וועגן קעגנזייטיקע פליכטן פון ישראל און דעם גלות, האָט אַנטוויקלט

ד״ר **נחום גאלדמאן:**

„ישראל און דער גלות דאַרפן זיין איבערצייגט, און דאָס איז אומבאַדינגט נויטווענדיק, אַז אַן דער דאָזיקער באַציונג בלייבט די צוקונפט פון ישראל פאַרנעפּלט און דאָס יידישע פאָלק אויסער ישראל בלייבט אָן אַ צוקונפט בכלל. די יידן אין גלות דאַרפן האָבן דעם מוט צו פּראָקלאַמירן אַ באַציונג פון שותפות און אחריות צו ישראל און פאַרטיידיקן די דאָזיקע באַציונג. זיי דאַרפן גובר־זיין דעם באַוווסטזיניקן אָדער הינטערבאַוווסטזיניקן פחד פאַר דעם, וואָס מען רופט אַן טאָפּעלע לאָיאַליטעט. זיי מוזן אָנערקענען, אַז זיי האָבן דאָס פולע רעכט איבערצונעמען די אחריות פאַר ישראל און צו פאַרבינדן זייער גורל מיט איר גורל. זיי דאַרפן זיך אָננעמען מיט מוט און אַרויסטרעטן קעגן דער פאָדערונג פון איין און איינציקער לאָיאַליטעט מצד יידישע קהילות בלויז צו די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן.

...אַ מאָדערנער מענטש מוז זיין לאָיאַל צו זיין מדינה, צו זיין משפחה, צו זיינע פריינט, צו זיין קלאַס, צו זיין קירכע, צו זיין רעליגיע, צו גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען א.א.וו. נאַטירלעך זיינען פאַראַן קעגנזאַצן צווישן די אַלע, אָבער ווער האָט עס געהייסן, אַז אין דעם פאַל מוז די העכסטע און איינציקע לאָיאַליטעט זיין אויסשליסלעך נאָר כלפּי דער מדינה? די דאָזיקע טעאָריע האָט פאַרדאָרבן מאָדערנע מדינות, האָט פון זיי געמאַכט אָפּגעטער, און מיליאָנען זיינען געאָפּפערט געוואָרן אויף זייער מזבח — אָנשטאָט דעם, אַז די מדינות זאָלן זיין אינסטרומענטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון פעלקער און נאַציעס. אַנ׳ענלעכע, הגם נישט אידענטישע שטעלונג דאַרף האָבן

אויך ישראל. אויך זי דאַרף זיך באַפרייען פון דער איבער־געטריבענער פאַרערונג כלפּי דער מדינה. מען דאַרף מיר נישט אויסטייטשן, וואָס איז אַזוינס מדינת ישראל פאַר אונדזער לעבן און צוקונפט. איך בין אַ פּאָליטישער ציוניסט נאָך פון מיינע ייִנגלשע יאָרן און האָב שטענדיק געקעמפט פאַר דעם אומפּאָפּולערן לאָזונג פון צעטיילן ארץ־ישראל בלויז צוליב דעם עיקרדיקן מאָטיוו, אַז אַ מדינה איז אַזוי וויכטיק און אַזוי וויטאַל פאַר אונדזער פאָלק, אַז מען מוז אפילו פאַרציכטן אויף אַ טייל פון דער ארץ־ישראל טעריטאָריע. אָבער מדינת ישראל, ווי אַלע אַנדערע מדינות, איז אַן אינסטרומענט און נישט קיין ציל. אַזוי לאַנג ווי פעלקער לעבן אין דער פאָרם פון אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע מדינות אַ פאָרם, וועלכע איז געוויס נישט קיין אייביקע. ווי די געשיכטע האָט אַוויזן, נויטיקט זיך דאָס יידישע פאָלק אין אַ מדינה, כדי צו זיכערן זיין עקזיסטענץ. ער איז דערצו באַרעכטיקט געגנוי ווי אַנדערע. אָבער דער ציל איז דאָס פאָלק און נישט די מדינה. אַלץ וואָס מדינת ישראל וועט טאָן, דאַרף זי עס טאָן מיט דער איבערצייגונג, אַז זי באַדינט דאָס גאַנצע פאָלק, אי דעם טייל וואָס לעבט אין אירע גרענעצן, אי די אַנדערע טיילן, וואָס לעבן אויסער אירע גרענעצן. מדינת ישראל איז דער זעניט פון דער יידישער געשיכטע אין איר ביז־איצטיקער אַנטוויקלונג. געוויס איז זי נישט קיין דערזאַץ פאַר אונדזער געשיכטע און נישט דער אָנהויב פון אַ נייער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. די וועלכע לעבן אין ישראל דאַרפן זיך באַטראַכטן ווי די יורשים און פאַרזעצער פון טויזנטער יאָרן יידישע פאַרגאַנגענהייט, פון יענע געשיכטע־קאַפּיטלען, וועלכע זיינען פאַרגעקומען אין ארץ־ישראל און פון די אַנדערע רייכע קאַפּיטלען, וועלכע זיינען פאַרגעקומען אויסער ארץ־ישראל.

אַ פאָלק קען זיך נישט אויסקלייבן יענע טיילן פון דער געשיכטע, וועלכע זיינען אים סימפּאַטיש, און אַוועקוואַרפן

די אַנדערע, מיט וועלכע ער סימפּאַטיזירט נישט. פּונקט ווי אַ נאָרמאַלער מענטש מוז אַריינגעמען אין זיין ראַציאָנעלער און פּסיכאָלאָגישער סטרוקטור אַלע איבערלעבונגען און ער קען נישט אויסקלייבן פאַר זיך בלויז די אָנגענעמע און געגוס־ברענגנדיקע איבערלעבונגען. אַ סך מענטשן פּרווון אַזוי צו האַנדלען, דאָס איז דער טיפּישער פּראָצעס וואָס ווערט אָנגערופן אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע — דער פּראָצעס פון פאַרדרענגונג. ער פאַרענדיקט זיך בדרך כלל מיט נערוואָזיטעט און אַנטוישונג. מען קען אים אויסהיילן דורך דעם, וואָס מען פירט צוריק אַדיין אינם באַוווסטזיין פונם קראַנקן יענע טיילן, וועלכע ער האָט געפּרוווט צו באַזייטיקן און פאַרגעסן.

דאָס זעלבע, און אין אַ שטאַרקערער פאָרם, לגבי פעלקער. די יידן אין ישראל קענען נישט אָנהויבן אַ נייע געשיכטע פונם יידישן פאָלק, ווייל דאָס וועט פירן צו דער שאַפונג פון נאָך אַ קליין לעוואַנטיניש פאָלק, אָן כבוד און דערגרייכונגען, אָן שטאָלץ און אָן דער פּראַכט פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט. דאָס זעלבע קען דאָס פאָלק אין ישראל נישט איבערהיפּן איבער צוויי טויזנט יאָר גלות און פּרווון פאַרצוזעצן נאָר יענע געשיכטע־קאַפּיטלען, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט אין דער אַלטער ארץ־ישראל און פאַרגעסן אַלע יאָרן פון הערלישע ליידן אין גלות. אויך דאָס וועט זיך ענדיקן מיט אַנטוישונג און מיט אַ געזעלשאַפטלעכער נערוון־קראַנקהייט.

דער ציון־טרוים — נאָך נישט פאַרווירקלעכט

מרדכי מארטין בובער *) האָט אָנגעצייכנט די אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט געוויזן דעם וועג צו די ערשטע פון דער יידישער אויפלעבונגס־באַוועגונג. ער דערקלערט, אַז אויך היינט האָט זי זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט.

„די אַלע, וועלכע האָבן אָנגעשריבן אויף זייער פאָן דעם נאָמען ציון, די ערשטע חובבים־סימפּאַטיקער און די שפּעטערע, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן מיטן נאָמען ציוניסטן, האָבן נישט געמיינט דאָס, וואָס עס איז שוין פאַראַן און מען דאַרף עס בלויז פונדאַסניי דערוועררבן. מיין נשמה געדענקט נאָך וואָס זי האָט געשפּירט ווען אַ קרייז פון יונגע ציוניסטן, צו וועלכן איך האָב געהערט, האָט אויסגעדריקט דעם דאָזיקן נאָמען מיט בערך 60 יאָר צוריק. ווען מען וואָלט אונדז דאַן געפרעגט: „צי שטרעבט איר צו אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל״? וואָלטן מיר געענטפערט: „מיר שטרעבן צו ציון, און כדי ציון זאָל אויפגעלעבט ווערן, ווילן מיר דערווערבן פאַר אונדזער פאָלק זעלבשטענדיקייט אין אונדזער לאַנד״.

אויך היינט זיינען פאַראַן נישט ווייניק ציוניסטן, און נישט בלויז זקנים, וואָס שפּירן אַזוי ווי מיר האָבן דאַן געשפּירט. איך קען אפילו אַזעלכע, וועלכע זיינען עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָ זעצן זיי ווייטער פאָר דעם טרוים, וועלכער איז ביז איצט נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, דעם ציון־טרוים. זיי האָפן מיט זייער גאַנצן וועזן, אַז די דאָזיקע מדינה אַזויווי זי איז, איז דער ערשטער שריט אויפן וועג צו ציון. יענער שיינבאַרער ציוניזם, וועלכער האָט געשטרעבט נאָר צו אַ מדינה, איז דערגאַנגען צום סוף, ווייל ער האָט שוין זיין ציל דערגרייכט. אָבער דער אמתער

---

*) פילאָזאָף און שרייבער, פּראָפעסאָר פאַר סאָציאַל־פילאָזאָפיע אין העברעאישן אוניווערסיטעט.

ציוניזם, די אהבת ציון, דער ווילן אויפצושטעלן זי לויט דעם באַגריף פון „קרית מלך רב״ (תהילים מ״ח, ג׳), לעבט נאָך ווייטער, אָט דער „מלך״ איז דאָך פאַראַן. לאָמיר דע־ריבער אויפוועקן דעם באַגריף אין די הערצער, ווו ער איז נישט באַקאַנט, סיי אין גלות, סיי אין ישראל, ווייל אויך אין ישראל דאַרפן מיר האָבן אַ באַוועגונג, וואָס איר ציל זאָל זיין — ציון. ד.ה. מען דאַרף שטרעבן דערצו, אַז פון דעם מאַטעריאַל, וואָס מיר פאַרמאָגן, זאָל אויפקומען די געבויטע ציון. מיר נויטיקן זיך אי אין גלות און אי אין ישראל אין ציון־ציוניסטן״.

ריכטליניעס פאר א יידיש לעבן

קלאָרע ריכט־ליניעס פאַר אַן אידעאָלאָגיע באַקומען מיר אין די ווערטער פון ראובן גארדים:

„די דאָזיקע אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ דאַרף זיין דער אויסדרוק פאַר אַלע יידן אומעטום, זיי זאָלן נעמען אויף זיך דעם יאָך פון דעם געהויבענעם און גלייכצייטיק טראַ־גישן גורל, וועלכער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יידן. מיר וואָגן פאַרצולייגן פאָלגנדיקע פרינציפּן ווי ווינקל־שטיינער פונם יידישן לעבן אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט:

א) אייניקייט פונם יידישן פאָלק, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ געמיינזאַמער פילפאַרביקער, רעליגיעזער און קול־טורעלער טראַדיציע.

ב) די העכסטע וויכטיקייט פון יידישער רעליגיע און מאָ־ראַל ווי די קרוין פון דער שעפערישער קראַפט פונם פאָלק, ווי דער פונדאַמענט פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

ג) דער צענטראַלער פלאַץ וואָס מדינת ישראל דאַרף פאַרנעמען אין יידישן לעבן, נישט נאָר ווי אַ מקום־מקלט פאַר אונטערדריקטע ברידער, נאָר ווי אַ נויטווענדיקער

אונטערשלאַק פאַר אַ פולקאָמען יידישן לעבן; פאַר שאַפן סטאַבילע גייסט־ווערטן פאַרן גאַנצן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אויף יעדן ייד אין דער וועלט ליגט די פליכט זיך צו באַטייליקן אינם אויפבוי פון דער מדינה און אין איר פאַרטיידיקונג.

ד) די מעגלעכקייט און די נויטווענדיקייט עס זאָל עקזיס־טירן אַ יידנטום אין די תפוצות און די פליכט צו דערמו־טיקן און צו פאַרטיפן, ווי ווייט מעגלעך, זיין לעבנס־אינהאַלט.

ה) דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז היינט געוואָרן שעד־לעך אינם לעבן פון די פעלקער, צוליב זיין איבערטרייבונג אויסער יעדער פּראָפּאָרץ, דאַרף מען באַגרייפן אין גייסט פון די יידישע נביאים, וועלכע זיינען געווען די שעפער פונם נאַציאָנאַלן געדאַנק אין דער וועלט־געשיכטע. זיי האָבן געגלויבט אין דעם, אַז די נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעט דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון העכערן מאָראַל, אַז איין פאָלק דאַרף נישט באַהערשן דאָס צווייטע און אַז נאַציאָנאַליזם מיינט זעלבשטענדיקע, גייסטיקע שאַפונג פון יעדן פאָלק. אין שיין פון דער נביאים־לערע קען מען פאַר־שטיין די גאַנצע און „טאָפּעלע" לאָיאַליטעט פון די יידן אין דער פרייער וועלט, וועלכע זיינען בירגער פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, און גלייכצייטיק זיינען זיי אַן אָרגאַנישער טייל פונם יידישן פאָלק.

ו) די באַשטימונג פון מדינת ישראל, צוזאַמען מיט דעם גלות־יידנטום, איז — צוזאַמען צו אַרבעטן פאַר דער אויס־בעסערונג פון דער וועלט אין גייסט פון מלכות שדי, פאַר פאַרווירקלעכן די גאולה־וויזיע, ביז די גאַנצע מענטשהייט וועט דערגיין צו אַ לעבן פון גערעכטיקייט, פרייהייט און שלום און יעדער מענטש וועט פריי זיך קענען אָפּגעבן מיט זוכן די גאַנצקייט. יעדער ייד, אויך דער וואָס באַציט זיך פרעמד צו זיין פאָלק און צו זיין גייסטיקער ירושה, האָט דאָס רעכט מען זאָל אים אָנערקענען ווי אַ ברודער

און ווי אַ בן־בית ביי יידן. און געוויס יעדער ייד, וואָס אינטערעסירט זיך בלויז מיט אַ געוויסן געביט פון יידישער קולטור און נישט מיט איר גאַנצן פאַרנעם, האָט דאָס רעכט צו קולטיווירן דאָס, וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן, אפילו ווען ער איז נאָכנישט גרייט, אָדער נישט פעאיק איבערצונעמען די וועלט־אַנשויונג, דעם גלויבן און דעם לעבנס־שטייגער פון יידנטום.

ז) עס איז שטאַרק נויטווענדיק צו קולטיווירן די גאַנצע יידישקייט דורך בויען די אָרגאַנישע קהילה, וועלכע איז באַגרינדעט אויף די פונדאַמענטן פון טריישאַפט צום יידישן פאָלק אין זיין לאַנד, צו זיין רעליגיע און קולטור.

ח) מען דאַרף אָנערקענען טעאָרעטיש און פּאַקטיש, אַז דאָס פונדאַמענטאַלסטע ווערק אינם לעבן פון גאַנצן פאָלק איז — די אויסברייטערונג, פאַרטיפונג און פאַרפולקאָמונג פון דער דערציונגס־אַרבעט, וועלכע באַצוועקט צוצוגרייטן דעם נייעם דור, יונגע און דערוואַקסענע גלייכצייטיק, און צו געשטאַלטיקן די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פונם דור אויף די יסודות פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידישן פאָלק און זיין גייסטיקער ירושה אין איר גאַנצער רייכקייט".

*

ביז איצט האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די אידעאָלאָגישע פאַר־מולירונגען און פאָרשלאָגן אַזויווי זיי זיינען געבראַכט גע־וואָרן פאַר דער ערשטער אידעאָלאָגישער וועלט־קאָנפע־רענץ. די דאָזיקע זאַמלונג וויל נישט איינשפּאָרן טרחה און באַפרייען דעם לייענער פון ווענדן זיך צום מקור. די אויפגאַבע און דער ציל פון דעם אָפּקלייב איז צו באַקענען דעם לייענער מיט מיינונגען און אַנשויונגען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף פיר טעמעס, וועלכע האָבן געדינט, דינען און דאַרפן אויך ווייטער דינען ווי אַ יסוד

פאַר אַלע וועג־זוכענישן פון דעם דור וואָס נאָך דעם מדינה־אויפקום.

אין דער שלוס־רעדע פון דער קאָנפערענץ האָט **זלמן שזר** געגעבן פאַלגנדיקע אָפּשאַצונג, וועלכע איז גוט אויך פאַר דעם געבראַכטן אָפּקלייב:

„דאָ איז געפירט געוואָרן נישט נאָר איין דיאַלאָג, נאָר אַ פינפפאַכיקער דיאַלאָג. ווייל אין אַלע פינף קאָמפּלעקסן פון דער באַהאַנדלונג האָבן זיך אָנגעצייכנט אונטערשיידן, און נישט נאָר איין דיאַלאָג אין יעדן קאָמפּלעקס, נאָר וויניקסטנס צוויי דיאַלאָגן (גלות און ארץ־ישראל, רעליגיע און נאַציאָנאַליזם). דער פון זיך געבעטענער אויספיר איז, אַז די שיידנדיקע ליניעס — אויף וויפל זיי עקזיסטירן און נויטיקן זיך אין אַ צונויפרעדן זיך, און עס איז דאָ אַ האָפנונג פאַר אַזאַ צונויפרעדן זיך — זיינען נישט דווקא יענע ליניעס, וועלכע זיינען שוין זייט יאָרן אָנגענומען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער ראַם.

פון דאַנען די טאָפּעלע האָפנונג, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט, אַז די באַנייטע דיסקוסיע איבער די אמת עקזיסטירנדיקע דיפערענצן זאָל קענען געפירט ווערן אין אַן אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקן צוהערן זיך און ווילן צו פאַרשטיין זיך, נישט פאַרגעסנדיק און נישט שלום־מאַכנדיק מיט דערווירקלעכקייט, ווי אויך אָן קיין שום אָמביציעזער אויפרעגונג. דער וואָס האָט דאָ געזאָגט „דברי חכמים בנחת נשמעים" האָט נישט געמיינט דעם באַגריף „נחת" אין פאַלקסטימלעכן זין, אַ מין אידיליע וועלכע פאַרשלעפּערט, נאָר דעם אַלטן באַגריף נחת אין הינזיכט פון טעמפּאָ, פון טיפן און אמת־זוכנדיקן געדאַנק.

מיר זיינען דעריבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישט גוט איצט צו פאַרעפנטלעכן אַ ספּעציעלע און געמיינזאַמע דעקלאַראַציע אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ. מיר וועלן בעסער צילן צום אמת, אויב מיר וועלן פאַרעפנטלעכן אַלע מיינונגען, וואָס זיינען דאָ אַרויסגע־

זאָגט געוואָרן אין יעדער פראַגע, איינע נעבן דער אַנדע־רער, אין זייער פולן אויסדרוק און דאָס אַלץ צוזאַמען וועט זיין די אמתע דעקלאַראַציע פון דער גאַנצער קאָנפערענץ. זאָל דער פאַראינטערעסירטער ציבור וויסן און הערן, ווי אַזוי האָבן באַהאַנדלט, באַטראַכט און אויפגעקלערט אַלע פאַרשטייער פון זיינע מיינונגען בעת זיי האָבן זיך באַ־געגענט אויף איין טעאָרעטישן פאָרום. אין זיין גאַנצן פאַר־נעם וועט דער קאָמפּלעקס דערפילן זיין שליחות...

פון צייט צו צייט וועלן מיר פונדאָסניי זיך צונויפקומען כדי נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן די נייע באַגריפן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אויף די פאַרשיידענע טעריטאָריעס, און אָוועקשטעלן זיי פאַר דער געמיינזאַמער קריטיק פון די דענקער צווישן אַלע טיילן פון דער אויפלעבונגס־באַ־וועגונג, ביז מיר וועלן זוכה־זיין און מיר וועלן צוזאַמען שאַפן די גייסט־כנסת פון אונדזער רענעסאַנס־באַוועגונג.

*

ביי אַלע קעגנזאַצן וואָס זיי דריקן אויס, ביי דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט אין דער אויפפאַסונג, אויף וועלכער זיי ווייזן אָן, בילדן די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען אויף דער קאָנפערענץ יענע „גייסט־כנסת״, וועגן וועלכער זלמן שזר האָט גערעדט. גענוי ווי די „כנסת פון די געזעצגעבער״ איז אויך זי אימשטאַנד צו באַשטימען אַ וועג, אָדער ווײַ־ניקסטנס אָנצוצייכענען וועג־סימנים אפילו אין די נעפּלען פון דער דיסקוסיע און פונם דיספוט. ווייל פונדעסטוועגן און טראָץ אַלעמען, איז געווען אַ מיינונגס־אייניקייט אין די קאַרדינאַלע און וויטאַלע ענינים. גענוי ווי אַ מדינה קען נישט עקזיסטירן אָן דער דאָזיקער אייניקייט, אַזוי וואָלט נישט געווען קיין גרונט פאַר וועלכער איז האָפנונג ווען מיר וואָלטן זי נישט געפונען אויך אויף דער ערשטער אידעאָלאָגישער וועלט־קאָנפערענץ.

די דאָזיקע מיינונגס־איינִיקייט איז סומירט געוואָרן דורך משה שרת בעתן שליסן די קאָנפערענץ:

„אין דער גרויסער און פרייער פּילפּאַרביקייט פון מיינונגען וואָס זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט און בולט אַרויסגערוקט אַן איינִיקייט לגבי די הויפּט־ענינים. איך וויל פּרוּוון זאָגן, און דער דאָזיקער סך־הכל דאַרף קיינעם נישט פאַרפּליכטן. אין וואָס איז די אחדות געווען בולט?

קודם־כל — איינשטימיקייט לגבי דעם אָנערקענען די אחדות און איינִיקונג פונם יידישן פאָלק. צווייטנס — איינשטימיקע אָנערקענונג פון דער היסטאָרישער, צענטראַלער און דעצידירנדיקער ראָלע, וועלכע מדינת ישראל פאַרנעמט אין אונדזער באַוווּסטזיין, אין אויפהויבן דעם כבוד און אין זיכערן די עקזיסטענץ פונם יידישן פאָלק. דריטנס — איינשטימיקע אָנערקענונג פון דער נויטווענדיקייט צו מאַכן אַ געאייניקטן אָנשטרענג, כדי אָפּצוהיטן דאָס יידנטום און כדי צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פון מדינת ישראל. און פערטנס — אַ געאייניקטע איבערצייגונג, סיי בנוגע די ניי־געשאַפענע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן, ווי ווייט מעגלעך, אַ קאָאָרדינירטע און פאַראייניקטע מחשבה, סיי לגבי די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען אַרויפגעשווומען אויף דער נייער פלאַך פונם יידישן לעבן, מעגלעכקייטן פאַר דער שאַפונגס־קראַפט פונם דאָזיקן גייסט".

סוף

אינהאלט

זייט

אַריינפיר 5

קאַפּיטל 1 : דאָס יידנטום און די היינטיקע וועלט . . . 14

קאַפּיטל 2 : דער היינטיקער גלות 27

קאַפּיטל 3 : די פּאָזיציע פון מדינת ישראל אינם וועלט יידנטום 96

קאַפּיטל 4 : אַ יידישע אידעאָלאָגיע פאַר אונדזער צייט . 120

שלום־וואָרט 136